פון פוילן, יידישע סעקציע״, איינגעאָרדענט אַ גרויסן מאַסן־פאַרזאַמלונג, בכדי די יידישע מאַסן פון ווייטשעפל זאָלן אויך האָבן די מעגלעכקייט צו הערן אַ לעבעדיקן גרוס פון פוילן און זיך צו קענען זען פנים אל פנים מיט לעבנ־דיק געבליבענע יידן פון דער היים. ס׳זיינען געווען זער רירענד די פאָר שעה, וואָס מיר האָבן די געסט געהאַט ביי אונז דאָ אין ווייטשעפל. נאָך דער גרויסער מאַסן־פאַרזאַמלונג איז אויך געווען אַ באַנקעט לכבוד די חשובע געסט אין יידישן קולטור־קלוב.

### 2. די „יידיש־העפטלעך״ און דער פארלאג „אררט״

די חברים פון דער פוילישער דעלעגאַציע, די רעדאַקציע פון „ניי־לעבן״ האָט מיטבאַקומען אַ מתנה, אַ דאַנק די אונערמידלעכער אַקטיווקייט פון זייער רעדאַקציע־מיטגליד ח׳ עלבערג, דרייערליי סאָרטן יידישע שריפט (מאַטריצן), כדי צו דערמעגלעכן אַז זייער וואָכנצייטונג דאָס „נייע לעבן״ זאָל בקרוב ווערן אַ טעגלעכע צייטונג, און אויך ווערן דער אָנהויב פון אַ יידישן פאַרלאַג. פאַר די „יידיש־העפטלעך״, וועלכע פייערן מיט דעם נומער דעם פינפטן יאָר פון זייער עקזיסטענץ, איז עס אַ גרויסע זכיה און פרייד צו זיין באַטייליקט אין דער מתנה: צו העלפן ברידערלעך אַ ברידער־זשורנאַל אין פוילן. דאָס זעלבע זאָל אויך געזאָגט ווערן וועגן פאַרלאַג „אררט״ — די געברידער בן־ציון און אלכסנדר מרגליות, וועלכע האָבן אויך זוכה געווען צו באַטייליקן זיך אין דער דאָזיקער מתנה. זאָל אויך אויסגעדריקט ווערן אַ דאַנק דעם פערלאַג נאַראָדיצקי פאַר זייער הילף בנוגע דעם וויכטיקן ענין.

### 3. משה עובד א בן ששים

היינטיקן חודש ווערט דער דיכטער משה עובד, דער פרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון״ אַלט זעכציק יאָר. און די פייערונג איז אַ דריי־גאָרנ־דיקע. ראשית, איז עובד אָקאָרשט איבערגעקומען אַ שווערע אָפּעראַציע און געבליבן לעבן כדי ווייטער אָנצוגיין מיט זיין ליטעראַרישער אַרבעט און גע-זעלשאַפטלעכער טעטיקייט. והשנית, וועט די טעג דערשיינען עובדס אַ ניי בוך „אין חדר אַריין״, וועלכעס איז אָן שום ספק אַ שטאַפּל העכער אין זיין דיכטונג. באריכות איבער משה עובדס לעבנס־אַרבעט אין קומענדיקן העפטל.

### מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין די גרענד פאַליי, קאָמערשעל רויד, א.—3 אַזייגער.

שבת, דעם ערשטן סעפּטעמבער, וועט שלמה אוירבאַך האַלטן אַ רע־פעראַט „ימים־נוראים און יידישע יום־טובים״. מען וועט פאָרלייענען און דעקלאַמירן איבער די יידישע קלאַסיקער, געשריבן איבער דער דאָזיקער טעמע.

דעם 22־טן סעפּטעמבער, די פייערונג פון דיכטער משה עובדן, דער פרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון״.

דעם 29־טן סעפּ., די טראַדיציאָנעלע שמחת־תורה פייערונג.

**א. נ. שטענצל**

---

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאַוועל סטריט, א.1.
**פרייז** ‎-/1.



לאנדאן-ווייטשעפל
אקטאבער-1945.—העפטל נום. 69

# דעם דיכטער פון „יידיש״

## משה עובדן צו זיין יובילעאום און צום דערשיינען פון זיין נייעם בוך „אין חדר אריין״

• • •

אויב אַ פאָלק איז נישט מער בכוח צו באַשפאַנען ווי אַ לייב אונטער גראַ־טעס דאָס אַרבע־אַמותדיקע שטיקל שטח אונטער זיינע פיס, מיטן ציטער פון זיין שווערן טראַט; אויב ס׳קאָן נישט מער אויספילן די ליידיקייטן, וואָס רינגלען עס אַרום, מיטן הויך פון אייגענעם אָטעם — מוז עס אונטערגיין!

עס ווערט פאַרשלונגען פונם וואַקאום — — —

און ווי געוואַלטיק די ראַנגלענישן זיינע זאָלן נישט זיין, ווי העראָאיש זיין אָנשטרענגונג, עס איז נישט מער ווי דער גסיסה־צאַפּל פאַר יציאת־נשמה.

אַז דער אָדלער הערט נישט מער דעם פאָך פון זיינע אייגענע פליגלען, בלייבט ער שטיין אַ דערשראָקענער אינמיטן זיין פלי, און ער פאַלט אַראָפּ צווישן די פעלזן אַ צעשמעטערטער. און דאָס־אָ איז נאָך דאָס מאַיעסטעטישע אין זיין אָדלעריש־לעצטן הימל־געפלאַטער.

שעפעריש וואָרט און אינערלעך געפיל, אויב זיי זיינען נישט אַדורכגע־קנאָטן מיט די דלד־אַמותדיקייט פון אייגענעם שפּאַנענדיקן טראַט, אויב זיי זיינען נישט אַטמאָספעריש באַאָטעמט מיט ווייעדיקן אַרום, איז עס הויל און פוסט, איז עס לויערנדיקע ליידיקייט. זיי זיינען ווערעמדיקע קנאַק־ניסלעך, וואָס די פוסטקייט און דער שימל פייפט פון זיי אַרויס.

אויב יידישקייט וואָלט באמת נאָר געווען דאָס ביסעלע רעליגיעזע אָפּיום, דעם גסיסה־צאַפּל אונזערן אויף אַ קורצער ווייל בלויז צו פאַרלענגערן, וואָלט אונזער גאַנצער קולט קוים נאָך געסטאַיעט, פאַר אַן אָריענטאַליש־וואונ־דערלעכע לויה־צערעמאָניע . . . און די דלד־אמות אונטער די פיס — דער קבר! העכסטנס נאָך, וואָלט געבליבן שטיין דערויף די מי פון אונזער עבר, דער פה־נטמן מאָנומענט, נאָך אונזער וואונדערלעכן אַמאָל.

אָבער וויפיל מ׳זאָל נישט שפּעטער די האַלב־אָפּגעמעקטע הערא־גליפן ענטציפערן, וויפיל מ׳זאָל נישט די פיראַמידן־ווינקלען דערפאָרשן, און אויפ־וויפיל מ׳זאָל נישט ענטציקט ווערן פון די וואונדערלעכע סאַרקאָפאַג־רעליעפן, די ליידיקייטן ווערן אויף אַ רגע נישט אויסגעפולט דערמיט — העכסטנס די פוסטע לאַנגווייליקייט פון אַ ליידיקגייער אַ טוריסט!

און אין אַלע מוזעאומס פון דער וועלט איז נאָך קיין איין מומיע נישט צוריק אויפגעשטאַנען מיט אַ שליחות פאַרן מענטש, מיט אַ נייער ענטפלעקונג פאַר דער וועלט.

און וואָלטן דען די שאָפונגען פון אונזער אַלטן און נאָנטן עבר געוועזן אַצינד נאָך מער פאַר אונז ווי נישט פערשטאַנענע האַלב־אָפּגעמעקטע הערא־גליפן, ווי קוים אַרויסשטאַרשנדיקע פיראַמידן, פאַרווייעטע פון וויסטע זאַמדן?

אַ סאַרקאָפאַג מיט וואונדערלעכע רעליעפען אויף מאָמענטן דערפון ענטציקט צו ווערן, דאָס איז דאָך פאַר אונז נאָך אונזער גאַנצע קולטור־ירושה; ווי די פוסטע לײדיקגייער און לאַנגווייליקע טוריסטן, קומען מיר דאָך נאָך אַריין אין די טעמפּלען; און וואָס זיינען דען די „הייליקייטן" פאַר אונזערע „גייסטלעכע" עפּעס אַנדערש דען ווי טויטע אויסגעצירטע מומיעס, וועלכע מוזן פון צייט צו צייט אַביסל אָפּגעשטויבט ווערן.

ניין, מיט אַלע הונדערטער און טויזנטער פירושים און אויסטייטשונגען קאָן נישט לעבעדיק געמאַכט ווערן קיין איין קאַפּיטל פון אונזערע נביאים — און זיי די נביאים געהערן דאָך שוין צום אוצר פון דער גאַנצער מענטשהייט!

און נישט נאָר זיינען יענע קונציקע שווימער אינם ים התלמוד נישט מער דאָ, נאָר עס זיינען שוין כמעט נישט בנמצא אפילו די באַוואונדערער פון אַ מאַטן פערל, וואָס אַזאַ ים דערגרונטעווער האָט מיט זיך מיט אַרויפגעראַטעוועט. און מיט אַלע גייסטרייכע ביכער איבער מיסטיק, וואָס קאָן מען זיך שוין מ׳שטיינסגעזאָגט פאָרשטעלן, וואָס אַזוינס ס׳איז קבלה?

די טויזנטער פאָליאַנטן און די פולע שענק מיט דיקע ספרים אָנגעפילט מיט אונזערע טיפע שאַפונגען זיינען דאָך שוין פאַר אונזער פאָלק ליידיקייטן אין פוסטער לופט — „אותיות הפורחות באויר"!

אָ, אַז מיטן בלוט פון די 6 מיליאָנען אומזיסט געקוילעטע זיינען אונזערע אותיות אַצינד צוריק אָנגעפילט געוואָרן.

* * *

און אַזוי האָט עס געמוזט געשען אין משך פון אונזער געשיכטע אין יעדן פרישן פעריאָד, פאַר יעטוועדער נייער אויפלעבונג — בכדי מיר זאָלן קאָנען אויף ווייטער בלייבן לעבן! אַזוי איינגעטונקט אין אונזער אומזיסט פאַרגאָסן בלוט, ביז איבער דער גאַרטל, איז עזרא הסופר צוריק געקומען פון בבל, מיט דער אויפגעשריבענער תורה שבכתב. און האָט מען דען אונטער אַנדערע אומשטענדן אויפגעשריבן די תורה שבעל־פה. און פונם אומזיסט פאַרגאָסענעם בלוט אונזערס אין די קרייצוגן האָבן זיך צעשריבן איבערן האַלבן קיילעך ערד די מפרשים און פוסקים, אונזערע מחקרים און פיטנים.

און די געוואַלטיקע התגלות נאָכן שנת ת"ח! אויב אונזער נביאישע מיסטיק איז פאַרפעצט געוואָרן אינם באַנאַלן קאַטאָליציזם, און סגופימדיק פאַרפּראַקטישט אין די קבלה מעשיות, איז זי צוריק געוואָרן נאַטירלעך דערלעבעניש מיט דער ענטפּלעקונג פון בעש"ט און זיין חבריא. יידיש שאַפן האָט אויפגעהערט צו זיין טויט וואָרט — עס איז געוואָרן לעבעדיק צעצאַפּלט בילד, באַוועגלעכע תנועה פון אייגענעם לייב, יעטוועדער שטערן אַ צעשריבענער שדי, צעשטרעקטע שם־הויה׳ס זיינען זיי געשטאַנען אין מיטן פון דער וועלט — דער אילומינירטער „שויתי" מיט פּלאַנעטן און מזלות איז געוואָרן דער אויסגעשטערנטער הימל, אַ צעשריבענער מיט קדוש־לבנה אותיות! און אונטער יעדן מינדסטן גרעזל איז געשטאַנען אַ מלאך און געלערנט רזין דרזין — מיר זיינען נתגלה געוואָרן מיט דער גאַנצער נאַטור, אויפגעבראַכן געוואָרן מיט יעדן אַטאָם אירן. מיט ווידער־קולות זיינען מיר ווידער אויסגעפילט געוואָרן!



אַז דאָס לעבן פון אַ פאָלק ווערט אָנגענומענער קרבן ווערן די הערצער די שיידן, וואָס טראָגן אין זיך די שאַפונגען ווי צעשריבענע מגילות. פון יעדן פראָסטן האַרץ האָט דוד המלך אַליין גענומען אַרויסזינגען זיין תהלים; די גלגולים פון די נביאים האָבן לייבהאָפטיק פון זיי אַרויסגערעדט — ס׳גאַנצע פאָלק איז געוואָרן דאָס מעדיום פון יידישן שאַפן! אָ, די שאַפונגס־הדוה ווען זי ווערט אַזוי בחברותא נתגלה — — ראָד אין רעדל וועט זי אַזוי אויסגעטאַנצט מיט יעדן קצו של ייד, מיט יעדן תג פון מינדסטן אות. — — —

אונזער גאַנצע מאָדערנע קונסט איז נאָר דער שבכתב פון יענער געוואַלטיקער דערלעבעניש!

און אַצינד אַז מיר זיינען ווידער געשטאַנען פאַר דעם פוסטן אָפּגרונד פון אונזערע הערצער, איינגעשלונגען צו ווערן פונם ליידיקן תהום; אַז מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן אונזער פלי, אַראָפּצופאַלן, אויף אייביק צעשמעטערט צו ווערן — איז דער טיפער אָפּגרונד אָנגעפילט געוואָרן מיטן זידיקן בלוט פון אונזערע מיליאָנען — פון די זעקס מיליאָנען אומזיסט געקוילעטע!

און דאָס פוסטעסטע יידישע האַרץ און דער ליידיקסטער יידישער ישוב האָט דערשפירט דעם גרויליקן ציטער,—יאָ, פאַר בראַנד־אָפּער, פאַר קרבן עולה, ווערט תמיד אויסגעקליבן דאָס אָן־פעלערדיקע, דאָס אָן מום!—און מיר איבערגעבליבענע ווי אויסגעלאָשענע מיר זאָלן נישט זיין, מיר וועלן אויפלייכטן אין ליכט פון זייערע פלאַמען, אויפלייכטן אָדער אויף אייביק אויסגעלאָשן ווערן.

אַ געוואַלטיקע באַוועגונג גייט אַצינד אָן צווישן די זעקס מיליאָן אַמעריקאַנישע ברידער אונזערע, יעדער דאָרטן, אויף זיין אייגענעם אופן, זוכט און נישטערט צו געפינען דעם פונק פונם אַש אַרויס, אים אויפצובלאָזן אין העלע ליכטיקייטן, — ווערנדיק שוין אַ טייל פון דער זיך שאַפנדיקער אַמעריקאַנישער לעגענדע, טליעט אָבער אויף אין זיי דאָס פינטעלע ייד....

און די זעקס־הונדערט טויזנט יידן אין ארץ ישראל האָבן אַלנפאַלס שוין באַוויזן, אַז מיר זיינען מער ווי אַ לעגענדע — — —

און די צוויי מיליאָן יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, און די איבעריק געבליבענע אין מזרח־און מערב־אייראָפּע. זיי זיינען דאָך די חנניה מישאל ועזריהס וואָס זיינען אַרויס לעבעדיקע פון די קאַלך־אויוונס — — —

קאָנען מיר זיך דען פאָרשטעלן די אויסגעשטאַנענע יסורים, די איבערגעקומענע ענוים, פונקט אַזוי קאָנען מיר זיך נישט פאָרשטעלן דאָס גרויסליכטיקע וואָס פון דעם וועט געשאַפן ווערן — פון אַזאַ געוואַלטיקן טויטוואָסער תחית המתים!

אפילו מיר דאָ, אין אונזער אָרעמען טויטן ישוב, הויבן שוין אויך אָן צו דערשפּירן, ווי ס׳הייבן זיך אָן באַוועגן אונזערע עצמות היבשות, ווי זיי שטעלן זיך העראָגליפיש צעזאַם צו נייעם אויפלעבנדיקן יידישן שאַפן — —

אָ, אַז מיטן בלוט פון אונזערע אומזיסט געקוילעטע זיינען אונזערע אותיות אַצינד צוריק אָנגעפילט געוואָרן — — —

א.נ.ש.



משה עובד געצייכנט פון זשאַן סאַטער.

א. מ. פוקס

## משה עובד און זיין פּראָזע קונסט

(צו זיין 60־יאָריקן יובל)

דאָס איינציקע בוך וואָס משה עובד האָט געשריבן אין פּראָזע איז זיין אויטאָביאָגראַפי „וויזיאָנען און איידעלשטיינער“, דערשינען אין יאָר 1931 אין לאָנדאָן.

דאָס דאָזיקע בוך איז אָבער נישט קיין ביאָגראַפי פון געוויינטליכער געפאָרם. עס איז מער אַ זאַמלונג פון קורצע דערציילונגען, צי ריכטיקער געזאָגט, סקיצען פון זיין לעבן און איבערלעבונגען מיט משפחה־מענטשן פון



TOWER HAMLETS LIBRARIES

זיין היים־סביבה, פריינד, יידישע שרייבער, קינסטלער, פאַרשידענע באַגעגענישן מיט אויסטערלישע פּאַרשוינען און מיט אַלערליי עקסצענטרישע קונים און סוחרים, אָנגעהויבן פון זיינע קינדער יאָרן אין די פּויליש־יידישע שטעטלאַך סקאָמפּע און אשענטשין ביז אין עלטער פון אַ ערך 45 יאָר פון זיין לעבן אין לאָנדאָן.

די פאָרם פון משה עובדס קורצע דערציילונגען דערגרייכט אָפּט דעם סטיל פון געשליפענער פּראָזע קונסט, דורכגעדרונגען מיט פיינעם הומאָר און אייגנאַרטיקער געדאַנקען בליציקייט פון אויסדרוק, אז מען קאָן זיי גלייכן צו די בעסטע שאַפונגען פון משה נאַדיר אין דעם זשאַנר (אין ערשטן טייל פון בוך).

אָבער זיי זענען אָפט אַ סך פאַרביקער און געפיל רייכער. עס זענען, דוכט זיך, גוט באַקאַנטע בילדער פון אידילישען שטעטלדיקן לעבנסשטייגער און פון זיין אימיגראַנטן לעבן אין לאָנדאָן, אָבער געזען מיט אַ אייגען אויג פון אַ אָריגינעלן פּראָזע־קינסטלער, אָן געבאָרגטע קונצן און אָן אָנגעפּיקיוויטע דריידלעך פון אויפגעפּיקטע ליטעראַרישע זערנעס פון פרעמדע ארבייטן

דאָס בוך איז זיכער אַ ווערטפולע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור און ס׳וואונדערט מיך באמת פאַרוואָס ס׳האָט געהאַט אזאַ שוואַכן אָפּקלאַנג אין אונזער ליטעראַטור קריטיק. ס׳איז מן הסתם (מען מעג לערנען ליטעראַרישע אויפריכטיקייט ביי משה עובד...) די גערעכטע שטראָף פאַר משה עובדס קנאַפּער באַציאונג לגבי דער יידישער ליטעראַטור און יידישע שרייבער מחוץ דער גרעניץ פון ווייטשעפּעל, וואָס האָט גורם געווען דאָס אומגערעכטע פאַרשווייגן פון דעם וויכטיקן ווערק, לויט מיין מיינונג דאָס בעסטע און אָריגינעלסטע וואָס דער טאַלאַנטירטער דיכטער האָט ביז היינט געשאַפן.

משה עובד דערציילט קורצע קאַפּיטלען פון זיין לעבן, וואָס גייט דורך דעם מעדיום פון זיין פּאָעטישן געפיל און שפּיגלט אָפּ אַ שטיק יידישע וועלט פון זיין אינערלעכן בליק קרייז. זיין גייסט שעפּט פון רייכן טראַדיציע־קוואַל פון דער אַמאָליקער פאָלקסטימלעכקייט, אין זיין פּראָזע אַזוי גוט ווי אין זיינע פּאָעזיע שאַפונגען, געשטייגערט אין נשמה יתרה׳דיקן פּאַטאָס פון זיין חסידות השפעה. עס איז אָבער נישט אונזער רעאַלע וועלט פון גרויען וואָכנדיקן געשעען אין יידישן גלות לעבן. עס איז נישט דער ביטערער אויפברויז פון יידישן לעבן געראַנגל פון ערב דער פינסטערער חורבן צייט. עס איז אַ חלומדיקע וועלט פון אידייאַליזירטן בילד, איינגעפּאַסט אין רעם פון ריין גייסטיקער ספער, וואו דער דיכטער לעבט זיך אויס אין די ד׳ אמות פון זיין עסטעטישן עלפען ביין טורעמל, ביז אַ מין פּרישות פון אינדיווידועלער גאָטזוכונג. אויך די מענטשן מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך אין זיין לעבנס־סביבה, ווערן מיטן כח פון זיין אינטענזיוון געפיל־לעבן פאַרגייסטיקט און דערהויבן אַוועקגעשטעלט ווי אַ גאַלערי פון לויטער קינסטלעריש גע־

שניצטע קעפּ אויף דער גילדענער פּאַליצע פון זיין לירישער נשמה, מיט זיין אייגענעם כאַראַקטער־קאָפּ צווישן זיי. אויבוואויל ס'איז דאָ אסך שטויב פון וואָכנדיקער גרויקייט אויף אַ טייל פון די דאָזיקע געשטאַלטן מיט אים בראש פון זיי און נישט אַלצדינג וואָס ס'גלאַנצט אין גייסטיקן מהות פון זיין עסטעטישער ספער איז כלו תפארת. טיילמאָל איז דער עלעמענט פון באַנאַלן באַצירט מיטן ליישנאָלד פון התפעלות און די אידייע פון ריין מענטשלעכן נעפּעלשט מיטן תקיפות פון ציניש ביטול...

אין משה עובדס פּראָזע שאַפונג איז בכלל נישטאָ קיין טענדענץ פון אַ נאַציאָנאַלער צי סאָציאַלער אידיי. זיינע לעבנס־קאַפּיטלען זענען דערציילונגען פון ריין פּסיכאָלאָגישן און ריין עסטעטישן וועלט באַנעם. ער דערציילט מיט הומאָר און לירישן געפיל פון זיין היים־שטעטלדיקן משפּחה־לעבן בעת די יוגנט־יאָרן, פון זיינע חלומות איינצונעמען די גרויסע וועלט און זיינע צעגליטע הסכלה שטרעבונגען צו שטייגן אויף דער גזעלשאַפטלעכער הימל־לייטער פון דערפאָלג כדי צו דערגרייכן דעם העכסטן מדרגה שפּיץ פון ווערן אַ גרויסער עושר און אַ גרויסער „דאָקטאָר פילאָזאָף!". נאָר בעת ס'איז אים אַלצדינג מיט מזל און ברכה דווקא געראָטן צו דערגרייכן האָט זיך געראָד פון דער לעצטער שטרעבונג אויסגעלאָזט די עלעגישע שטימונג פון „אַ ברייטן קאַפּעליוש מיט אַ הויכן בוידעם" (די ערשטע 16 קאַפּיטלען פון דעם בוך).

אין איר רעאַלן תוכן איז דערנאָך שוין די וועלט אסך ערנסטער און איר שווערקייט און אסך ביטערער אין טעם פון אָרעמקייט, ווען דער בעל חלום פאַלט אַריין און אַראָפּ קיין לאָנדאָן ווייטשעפּעל ווי אַ גזעלן אין דער זיינער־מאַכער שאָפּקע פון „אַ פרומען גנבה־הענדלער". דאָס איז אַ לעבעדיקער דיקענס־טיפּ וואָס שמעלצט איין אויפן שטעל די זילבערנע און גילדענע זיינערלעך מיט קייטעלעך וואָס זענען נאָך וואַרעם פון די קעשענעס פון וואַנען די יוקעלעך האָבן זיי אַרויסגעגנבעט" אַ שטיק צייט דרייט זיך אונזער משה עובד אין דער דאָזיקער ווייטשעפּעל־סביבה פון יידישן אימיגראַנטן לעבן. ער גייט דורך די וועגן פון קאָמישע קליייניקייטן מיט אסך נסיונות פון גוטן און שלעכטן מזל שפּיל. ער דערשלאָגט זיך צו אַ אייגענעם זיינער־מאַכער־געשעפטל, אָנהויבנדיק קליין, אָרעם און נעבעך ערלעך מיט פאַריכטן זייגערלעך, גראַווירן פינגערהוט, שטעכן אויערן פון דאַמען קונים פּאָר אויערינגען האַנדלען מיט קעמיאָס און ביליגע צירונג מציאות (די ווייטערע 16 קאַפּיטלען פון דעם בוך). ביז ער ענדיקט אַ לעגענדאַרער גביר אין זיין „קעמיאָ קאָרנער" און באַקאַנטע יידישע אינטעליגענץ און דיכטער פיגור אין בלומסבערי געגנט. דאָ זעט מען אים שוין אין גלאַנציקן שטראַלן־ליכט פון זיין אַסטראַלער חלום־וועלט, אָנגעקלייד אין זיין בלויסאַמעטענעם האַלב רבישן כאַלאַט, האַלב לאָרדישן שלאָפראָק, דער דינער גילדענער האַלז־קייט באַצירט, כפטור ופרח, אַ זילבערן קנעפּל און אַ גילדען רייזעלע, ווי ער קינינגט, אַ אָריענטאַלער פירשט אין זיין פאַנטאַסטישער צירונג מלוכה פון



אַנטיק, קונסט־אוצרות. דאָרט שטייט ער אין דער גלעזערנער „קאַזע" פון „קעמיאָ קאָרנער", אונטער זיין וואונדערלעכן „ציילטיש", מיטן פאַרכשופטן „דעמבענעם שיפלאָד", די הענד פול מיט גילדענע צאַצקעס און צעפינקעלטע איידעלשטיינער. דער גאַנצער קאָפּ אַזוי איידעל צזשמייכלט פון לויטער תענוג יום טוב, אַזש ער דערמאָנט אַ טייערן אתרוג אין אַ אַנטיקער זילבער פּושקע.

און תמיד רוט אויף אים די שכינה פונם מלאך מערקורי און תמיד איז ער באַגייסטערט אין די וויזיאָנען פונם מלך המשיח. מען זעט באַשיינפּערלעך אַז ער איז תמיד שטאַרק פאַרהאָוועט אין דער זינגנדיקער אידיי פון וועלט־דערלייזונג און נאָך שטאַרקער פאַרשמאַיעט אַרום דער קלינגנדיקער קאַסע פון געלד־לייזונג. מיט איין אָפן אויג וואַך דערהויבן צום רעאַלן געדרענג פון זיינע צירונגקונים, איז ער מיטן אַנדערן אויג מיסטיש פאַרזונקען אין „נצחיות" און „אין־סופיות" פון רוח און הצלחה.

מוז מען אָבער זיין גערעכט צו דעם אָריגינאַל משה עובד און צוגעבן, אַז אָט דער קוריאָזער כאַראַקטער פון קאָמערץ און פילאָזאָפיע, פון קאָמיזם און פּאָעזיע, פון געזעלשאַפטלעכן אידעאַליזם און טעאַטראַלן שונדיזם, איז נישט קיין באַוואוסטזיניקע פעלשונג לגבי זיך און דער וועלט. עס איז גיכער זיין מין לעבנסשטייגער, דאָס חסידות עלעמענט אין זיין קינסטלער מהות, עפּעס אַזאַ מין עכטער לעבנססטיל פון אַ אָריגינעלן גייסט, אַ מין יידישער עסטעט וואָס ס'שמעקט פון אים האַרמאָניש מיט איידעלשטיינער און מיט הערינג מיט ציבעלע. — יאָ, אַפילו די משיח אידייען און וועלט־דערלייזונג טרוימען וואָס משה עובד פּרעדיגט אין זיין ליטעראַרישן שאַפן, איז אַ עכטער אויסדרוק פון זיין הומאַניטאַרער באַגייסטערונג, מן הסתם אַ ניצוץ פון דער יידישער עטיק אין אַ מיסיע גלגול פון אַ וועלט רעפאָרם ראַבאַי אין זיין אופן דענקען און ווירקן. נאָר ערנסט קאָן מען דאָס פאָרט נישט נעמען ווייל ס'איז פאָרט נישט מער ווי די יידישע ראָזשינקי און זיין עוואַנגעלישן פּורים קוילעטש. ער האָט אַ וויזיע ווי ער שטייט אויף אַ הויכן באַרג (צי אויף אַ זייף קעסטל אין הייד־פּאַרק?) און רעדט צו אַ מיליאָן קעפּיקע מאַסע, רעדט צו זיי אין לשון קודש (אַ יידישיסטישע נשמה קאָן מען פאָרט נישט שאַצן...) רעדט איך אַלס נביא פון אַ צווייטויזנטיאָריקן גלות, רעדט אין נאָמען פון אייביגן גאָט מיט איבערצייגונג און אויטאָריטעט". נישט מער און נישט ווייניגער. דערנאָך האָט ער פאָלגענדע וויזיאָן:

„איך שרייב אַ בוך וואָס אַפּעלירט צום געוויסן פון אַלע פעלקער צו פאַרגעבן איינער דעם צווייטן זייער גרעסטע זינד פון ניט מוחל זיין זיך און די וועלט הערט זיך צו צו מיינע ווערטער און לעבט אין ליבשאַפט און שלום."

„וויזיאָנען"? נו, וואָס שייך. וויזיע, נבואה, איז נישט קיין פּוסט מליצה וואָרט פון אַ עסטעטישער ספער וואָס אַנטפּלעקט זיך אַזוי גיך און גרינג בעת „אַ אָסיענדיקער בין השמשות רייזע אין אָמניבוס פון מזרח קיין דרום לאָנדאָן". („געבורט פון מיין לעבנס אינהאַלט".)

ווייל וויזיע איז די העכסטע עטישע פונקציע פון נאַציאָנאַל גייסטיקער שאַפונג און מאָראַלער ווירקונג פון קולטור־מענטש אין היסטאָרישן גאַנג פון וועלט געשען. וויזיעס פאַרפליכטן מיט עפּעס אַ דיכטער לגבי זיין פאָלק, לגבי די לעבנס נויטן און קיום געראַנגל פון זיין פאָלק, אַריינגעשטעלט אין מיטן פון וועלט און מענטש קאַמף און קולטורעלן און סאָציאַלן אויפקום און אומקום פון די פעלקער. ביי אונז יידן זענען עס היסטאָריש געווען די נביאים וואָס האָבן אויסגעטראָגן די גרויסע גורל לאַסט פון די וויזיעס, פון פאָלק און וועלט דערלייזונג. אין אונזער טראַגישן דור איז עס געווען דער נאַציאָנאַל־דיכטער חיים נחמן ביאַליק וואָס האָט אין זיין גייסטיקער שאַפונג אַנטפּלעקט די געניאַלע וויזיע פון נאַציאָנאַל יידישן אויפלעבונג כח, פון גלות־דערלייזונג און קיום האומה אין ציון, איז עס געווען אַ מענדעלע צי אַ פּרץ, צי אַ הלל צייטלין, וואָס האָבן וויזיאָנער פאַרבונדן דעם עבר מיטן עתיד פון יידישן פאָלקס־לעבן אין תוך און תכלית פון זייער גרויסן גייסטיקן שאַפן און ווירקן לדורות. ווייל שמעלצט מען איין דאָס גאָלד פון די נביאישע וויזיעס און מען מאַכט פון דעם מתנה־רינגען פאַר די אַקטיאָרן פון יידישן שונד טעאַטער, לאָזט זיך אויס דערפון „אַ ברייטער קאַפּעליוש מיט אַ בוידעם" פון גייסטלאָזיקייט, פאַרבלייבט דערפון נישט מער ווי די קליינע השגה פון דער גרויסער ירידה וואָס זאָגט באַנאַלע יידישיסטישע תורה ביים ווייניקער עסטעטישן און מער אַנטיקוואַרן „קאַפּעטעריע טיש" אין ליטעראַרישן ווייטשעפּעל, מישטיינסגעזאָגט.

טיילט מען אָב די נעגאַטיווע אידיי פון די „וויזיאָנען", פאַרבלייבן די איידעלשטיינער פון משה עובדס פּראָזע־געשיכטעס וואָס דערהויבן זיך, אין צווייטן טייל פון דעם בוך, צו דער מדרגה פון די עסטעטן פון 19־טען יאָרהונדערט. די שאַרפע, הומאָרפולע, לירישע שטריכן פון זיינע פּסיכאָלאָגישע שילדערונגען און איבערלעבונגען אין זיין „קעמיאָקאָרנער" סביבה, זענען געצייכנט מיט אַזאַ כח פון כאַראַקטער געשטאַלטונג פון לעבעדיקע מענטשן, אַז דער בליציקער אימאַזש פון דעם דיכטערס אונערלעכער פאַרבינדונג מיט די זעלטענע נשמות, פון זיינע העלדן אין די זעלטענע סיטואַציעס פון וועלכע ער דערציילט אין די געשיכטעס פון זיינע איבערלעבונגען, ווערט אויף אַ נאַטירלעכן אופן קלאָר און איז גייסטיק דויערהאַפט.

אָפט מוז מען באַוואונדערן וואָס פאַר אַ שאַרף אויג משה עובד האָט, צי בעסער געזאָגט אַמאָל געהאַט, צו דערקענען דעם אינערן מענטש אויפן ערשטן בליק און מסוגל זיין אַזוי פאַרברייך און פּרעציז אָבצומאָלן אַזוינע פיינע אייגנאַרטיקע מיניאַטור בילדער פון אַזוינע גוט באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן ווי נחום סאָקאָלאָוו, שלום אַש, יעקב עפּשטיין, מאַקסים ליטווינאָוו, און אַנדערע נישט יידישע, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט אַמאָל.

דאָס בילד פון יעקב עפּשטיינס סקולפּטור שאַפונג איז אַ מוסטער פון קינסטלערישער אימפּרעסיע. די פּסיכאָלאָגישע שילדערונגען פון אַ יידישן דיכטער „מיט אַ שוואַרץ בערדל" וואָס האָט אַמאָל געלעבט אין לאָנדאָן און



איז געווען זיין פריינט, איז אַ ליטעראַרישע מצבה פון זעלטענער געשטאַלטונג. דאָס בילד וועגן דער טראַגעדיע פון משה עובדס יונג פאַרשטאָרבענעם ברודער יעקב באַצווינגט ממש מיט אינערלעכער דערשיטערונג

אין דער אַנטיקער גאָלדשמידקונסט (אויך אין דער יידישער) און אין איידעלשטיין־קולט, איז אין אַלע געשיכטלעכע קולטור־צייטן און מהסתם אויך נאָך היינט אין אָריענט, פאַרבאָרגן אַ מאַגישע באַציאונג לגבי דעם מענטשלעכן לעבן און גורל. (אויך אין דער קבלה מיסטיק.)

דאָ האָט זיך משה עובדס דיכטער־פאַנטאַזיע צעשפּילט אין אַ מערקווירדיקער וואָרטקאָמפּאָזיציע פון סימבאָלן און פאַרבן, פון טרויער און פרייד־געפילן, אין דער ריין מענטשלעכער פאַרבינדונג פון גייסטיגע און רעאַלע סיטואַציעס אין די אויסטערלישע ספערן פון זיינע איידעלשטיין מאָטיוון. („דער אָפּאַלרנג", „דער גרינער זאַק", „סאַניטאַה", „די אמתע מצבה", „חלומות",, „דער צו שווע־ער עול" א.א.)

דאָ האָט דער כח הדמיון פון זיין טאַלאַנט מיט אַ געניטער פּען פון דערקענטניש און שאַפונגלוסט, דער ערשטער אויף דעם געביט אין דער יידישער ליטעראַטור, אַנטפּלעקט אין זיין בוך דאָס שטראַלנדיקע ליכט פון דער אַנטיקער צירונג־קונסט און אויסגעזאָגט די צויבער שפּראַך פון די איידעלשטיין מיסטעריעס, אַ טייל פון יענע ספירות און מזלות וואָס גלאַנצן אין מענטשלעכן לייד און פרייד חלום פון די צייטן און דורות און ברענען מיטן אינערלעכן זון־פייער פון דער אייביקער שאַפונג.

אָט דאָס איז אפשר טאַקע די וויזיע וואָס באַהעפט די מענטשלעכע נשמה מיט אַ מיסטישן כח און ליבשאַפט צו דעם קאָסמישן פאַרבשפּיל פון דער שיינקייט.

אין די מעשיות פון משה עובדס גייסטרייכן פּראָזע־ווערק האָבן מיר אַ וואָרט־קינסטלערישן אָפּגלאַנץ און בילד פון אָט דער וואונדערוועלט.

## בן-א. סאַכאַטשעווסקי

## משה עובדס שאַפן

דאָס נאָר וואָס ערשינענע בוך פּאָעמען פון משה עובד „אין חדר אַריין" וואָס באַשטייט אין פיר חלקים אָדער זמנים, איז בלי ספק איינס פון די סאַמע בעסטע, וואָס ער האָט געשאַפן אויפן דיכטערישן געביט. איידער איך גיי איבער צו דעם דאָזיקן בוך פּאָעמען גופא, זאָל מיר אויך ערלויבט זיין אונטערצוציהען אַ שטיקעל סך־הכל פון משה עובדס ווערק, צוליב דעם וואָס דער דיכטער האָט איצט געפייערט זיין 60־יאָריקן יובל, כדי צו זען ניט בלויז דעם פאָרם און אינהאַלט פון זיין שאַפן נאָר זיך אויך צו באַקאָנען מיט דער גלייכער ליניע, וואָס טראָגט זיך דורך ווי אַ פאָדים אין אַלעם וואָס איז אַרויס פון זיין פיין פילענדע נשמה סיי אין זיין דיכטונג און סיי אין זיין פּראָזאַ, וואָס איז אייגענטליך אויך אַ מין דיכטונג.

עס זיינען שוין פֿאַריבער אַכט־און־צוואַנציק יאָהר זינט עס איז ערשינען משה עובד׳ס ערשטע בוך פּאָעמען מיטן נאָמען „אַרויס פון כאַאָס״. אין מיין אָבהאַנדלונג איבער דעם ערשטן בוך, וואָס איז פֿאַרעפֿענטלעכט געוואָרן אין די „צייט״ אין 1917 האָב איך צווישן אַנדערעס אומגעפּער געשריבן, אַז דער דיכטער וויזט דאָס רוב אַרויס זיין טאַלאַנט אין די רויע נישט געשליפֿענע לידער, און פּונקט דאָרט וואו ער באַמיט זיך צו האַלטן אין די ראַמען פון דיכטונג, לויט ריים און ריטם, פילט זיך געקינצלטקייט, און עס פעלט די שענקייט פון פשטות, אויפריכטיקייט, איבערצייגונג און איבערלעבונג.

אָבער שוין אין יענעם ערשטן בוך האָט דער דיכטער צו אונז גערעדט אין אַ טאָן פון אַ געוויסן מיסטיציזם, עס איז געווען מער גייסט ווי גוף, מער נשמה ווי מענטש, און פּאָלגליך האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק אַז משה עובד זינגט ניט אַרויס פון כאַאָס פון לעבן נאָר פון זיינע אייגענע ד׳ אמות אין וועלכע ער האָט ניט איבערגעלעבט דעם אמת לעבעדיקן כאַאָס פון מענטש און גאַס, וואָס ער האָט דעם כאַאָס בלויז געזען דורך די שויבן פון זיין פענסטער, וועלכע זיינען ניט געווען גענוג קלאָר און דורכזיכטיק כדי צו קענען באַמערקן אַלעס וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, אין כאַאָס פון מענטשלעכן לעבן.

מיט לערך זיבן יאָר שפּעטער איז ערשינען משה עובדס צווייטער בוך „לעבנס לידער״, וואָס האָבן שוין געאָטעמט מיט מער רייפקייט, שיינקייט, געפיל, אויסדרוק און פאָרם. דער פאָלקס־מאָטיוו איז געווען דער לייטענדער טאָן פון דעם בוך. שענע, האַרציקע און פשוטע פּאָעמען, אָבער אויך איבער זיי האָט נאָך אַלץ געאָטעמט אַ מין שאָטנדיקע שטימונג, אַ טיילוויז מיסטישער המשך פון זיין ערשטן בוך, און עס האָט זיך באַקומען דער זעלבער איינדרוק, אַז דער דיכטער ציט ניט זיין גייסטיקע חיונה און אינספּיראַציע פון ממשותדיקן לעבן נאָר פון אַ וועלט, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגע׳חלומט. דאָס פילט זיך אפילו אין איינער פון זיינע פּרעכטיקסטע פּאָעמען „מאַמע לשון״. עס פעלט דאָס איינפאַך פולסירנדיקע לעבעדיקע לעבן, דער רוף צום קאַמף, פּראָטעסט פון דיכטער קעגן אַלע, וואָס ווילן פאַרשוועכן דאָס וואָס ער האַלט פאַר הייליק און טייער. דאָס איז אפשר איינע פון די סבות, וואָס דער רושם פון די פּאָעמען אין דעם דאָזיקן צווייטן בוך שטעלן ניט אָב קיין צו טיף און לאַנג דויערנדן איינדרוק און בלויז דערפאַר וואָס אין זיי זיינען ניט בלויז די געדאַנקן נאָר אפילו דער אמת מעהר אויסגעחלומט ווי ווירקלעכקייט.

די אַנדערע צוויי ביכער אין פּראָזאַ, וואָס דער דיכטער האָט אַרויסגעלאָזן אין 1931 „האַנדל און לעבן״ און „וויזיאָנען און אײדלשטיינער״ זיינען ווי געזאָגט אויך אַ מין לידער אין פּראָזאַ. די מענטשן און באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן וואָס דער דיכטער ברענגט אַרויס, איבערהויפּט אין „וויזיאָנען און אײדלשטיינער״ זיינען מער דינע, פיינע גייסטיקע געוועבן, ווי מענטשן פון פלייש און בלוט. אפילו משה עובדס מסחר באַהאַנדלט אין זיין בוך „האַנדל און לעבן״ איז פול מיט אַ שבתדיקער און רחמנותדיקער אײדלקייט. עס זיינען באַהאַנדלטע שאָטענס פון מענטשן, וואָס ריידן ווי פון עפּעס אַ ווייטע פרעמדע וועלט, און



ניט קיין מענטשן גופא וואָס לאָזן זיך זען, פילן און אָנרירן. דער דיכטער זעט זיין מסחר דורך דעם געדאַנק און ניט מיט זיינע אויגן און דערפאַר איז זיין האַנדל איבערגעצויגן אין אַ קאָלירלאָזן מאַנטל פון האַלב וואָכנדיקייט און האַלב שבתדיקייט. אָבער זיין צוגאַנג צו דער טעמאַ איז אַ אָריגינאַלע פּונקט אַזוי ווי זיינע פּאָעמען זיינען אָריגינאַל און ספּעציפיש משה עובד׳יג.

דאַכט זיך, אַז דער דיכטער רעדט אין די צוויי פּראָזע ווערק אַ פשוטע שפּראַך, ניט קיין געקינצלטע, און דאָך זיינען זיינע טיפן, אויב מען קען זיי אַזוי אָנרופן, ווייט פון לעבן. עס פעלט זיי דער בליץ אין די אויגן, דער שמייכל אָדער די ערנסטקייט, זייער כאַראַקטער, און ווען די נעמען וואָס משה עובד דערמאָנט וואָלטן ניט געווען קיין גרויסע פּערזענלעכקייטן פון יידישן לעבן, דאַן וואָלט מען פאַר זיך געזען און געהערט בלויז ריידנדיקע שאָטנס, וואָס מאַכן אפילו ניט קיין הוועיות, באַוועגן זיך ניט, נאָר שווייגן ביז וואַנען דער שרייבער ציט פון זייערע ליפּן אַרויס די ווערטער וואָס ער וויל פון זיי הערן.

אַ גאָר מערקווירדיקן איינדרוק מאַכט משה עובדס בוך אין ענגליש “The Book of Affinity” (דאָס בוך פון זווג). דאָ מער ווי אומעטום איז געקומען צום העכסטן אויסדרוק דעם דיכטערס אייגנאַרטיקע וועלט, וואָס ער האָט געשאַפן אין זיין אייגענעם ווינקעל.

ניט דערפאַר וואָס איך קען משה עובד זינט זיינע ערשטע שריט אַלס דיכטער, און איך שטיי אויך נאָנט צו זיין פּערזענלעך לעבן אַלס חבר בין איך געקומען צום נאָכפאָלגנדן אויספיר, נאָר ווען איך וואָלט אים אפילו ניט געקענט וואָלט איך זיך אויסגעמאָלט אַזאַ מין בילד:

משה עובד איז ערגעץ פאַרשלאָסן אין אַ פאַרכשופטן פּאַלאַץ פול מיט מערקווירדיקייטן און אַנטיקן. ער זיצט זיך דאָרט אין האַלב־טונקעל אין וועלכן אים דוכט זיך, אַז די פאַרשידענע קונסט־אָרנאַמענטן, פיגורלעך פון זילבער, גאָלד, דימאַנטן און אַנדערע אײדעל־שטיינער, הויבן זיך אָן באַוועגן אַרום אים. זיי לאָקערן זיינע בליקן און זיינע אויערן. אים דאַכט זיך אויס, אַז די דאָזיקע אַלטערטימלעכע אַנטיקן דערציילן זיך עפּעס און ער הערט זיך צו מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און פאַרצייכנט אַלעס וואָס ער זעט און ער הערט.

נאָר באַלד הויבט אָן ווערן נאָך טונקעלער. פון דאָ און דאָרט, פון אַלע מינים באַהעלטענישן קריכן אַרויס די בעגילדעטע פיגורלעך, און מיט זייער באַוויזן זיך הויבט אָן אויפשיינען פאַר דעם דיכטערס אויגן אַ מאָדנע ליכטיקייט.

וואָס טיפער די נאַכט לאָזט זיך אַראָב איבער דעם פאַרכשופטן פּאַלאַץ אַלץ הערלעכער און בלענדענדער ווערט די ליכטיקייט אַרום דעם דיכטער. ער פילט זיך ווי עס וואָלט איהם עפּעס געטראָגן צווישן דער ליכטיקייט פון הימל און די טונקעלע גראָקייט פון דער ערד. ער וויל זיך באַהעפטן צו דער קדושה, וואָס רופט אים פון די ליכט באַגאָסענע הימלען, נאָר די קאַלטע ערד לאָזט אים ניט אָפּרייסן פון זיך. מוז זיך דערפאַר דער דיכטער באַגנוגענען מיט זיין צווישן הימל און ערד, און ער קוקט זיך צו צו די שאָטנדלעך פון פיגורלאַך, וואָס שטעלן

זיך אַוועק נעבן אים און ערקלערן זיך אין ליבע איינס צו דאָס אַנדערע. דערביי הערט משה עובד דעם וואַרימען געמורמל אַרום אים. ער נעמט אויף אין זיין מוח די אַלע געדאַנקען, געשטאַלטן און שמועות, און אים דאַכט זיך אַז דאָס זיינען מענטשן מיט דעם לעבעדיקן אָטעם אין זייערע נאָז־לעכער.

ער באַמיט זיך אויפצוקלערן די געדאַנקען, קלאָר צו מאַכן זיינע געפילן, אָבער טראָץ אַלע זיינע באַמיאונגען קומען אַרויס אַנשטאָט מענטשן מלאכים און אַנשטאָט מלאכים אָרנאַמענטן פון זילבערנע און גאָלדענע פיגורלאַך, באַצירט מיט בלישטשנדיקע איידעלשטיינער. אין זיי זעט משה עובד די נשמה און די שענקייט פון דער וועלט און פון לעבן, און אים דאַכט זיך, אַז אַזוי שען, ריין און שטענדיק באַלויכטן פון דער שכינה מוז אויך זיין דער מענטש אַ גאַנצקייט פון לויטער קדושה.

דאָס בוך „אַפּיניטי“ טראָגט מער ווי אַנדערע ווערק אַוועק אויף אַ וועג פון אומקלאָרקייט דעם געוויינלעכן לייענער, אָבער פאַר די, וועלכע קענען זיך צוקוקן און צוהערן צו אַלעם, וואָס דער דיכטער זעט און הערט, איז דאָס בוך עפּעס אַזעלכעס וואָס לאָקערט און פאַרכשופט פונקט אַזוי ווי משה עובד האָט זיך געמוזט פילן פאַרכשופט, ווען ער האָט געשריבן די קאַפּיטלאַך פון דעם דערמאָנטן ווערק.

דאָס ביז איצטיק לעצטע בוך, וואָס דער דיכטער האָט אַרויסגעגעבן אין ענגליש "For the Sake Of The Days" („פאַר דעם נוצן פון די טעג“) איז אויך אַ טייל פון דיכטערס חלומות און וויזיאָנען. ער וויל אַז יעדער פון די טעג זאָל געהייליקט ווערן מיט דעם גייסט פון שבת, און אַז מלאכה זאָל ניט זיין קיין אַרבעט, נאָר אַ קדושה, אַ מין עבודת הבורא זאָל אין איר אַריינגעלייגט ווערן. דעם זעלבן געדאַנק האָט אויך דער דיכטער אַריינגעבראַכט אין איינעם פון זיינע שענסטע דראַמאַטישע פּאָעמען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין נאָר וואָס דערשינענעם בוך „אין חדר אַריין“.

עס איז אמת, אַז אין דער דאָזיקן ווערק ציט זיך אַלץ דורך דער זעלבער ספּעציפישער משה עובד פּאָדים ווי אין אַלע אַנדערע פון זיינע ווערק, די זעלבע וויזיע, וואָס קומט שוין טיילוויז צום אויסדרוק אין לייכטן פאַבעל־פאָרם. „אין חדר אַריין“ ווערט אָבער שוין פיל קלאָרער די מיסיע פון דיכטער און פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט אויס קען דאָס איצטיקע בוך פּאָעמען באַטראַכט ווערן אַלס איינס פון די רייכסטע וואָס משה עובד האָט ביז איצט געשאַפן.

דאָס גאַנצע בוך איז אַריינגעגאָסן אין אַ טאָן פון פאָלקס־מאָטיוו, מעשהלאַך פון בראשית, עוואָלוציע אין די צייטן פון דער וועלט־באַשאַפונג, און פונקט ווי אין פילע פון זיינע אַנדערע פּאָעמען איילט זיך ניט דער דיכטער, ער האָט צייט, עס איז ביי אים נאָך אַלץ שבת און עס איז נאָך גענוג צייט צו מאַכן הבדלה.

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ קען איך מיך ליידער ניט גענוג אָבשטעלן איבער די פּאָעמען פון דעם נייעם ווערק „אין חדר אַריין“. איך וויל בלויז דערמאָנען זיינע „יידעלעך פון אלף־בית“, „דער וויגעשריי פון די נקודות“, „חכמת־



החשבון“, „דער וויגעשריי פון די וואָכענדיקע טעג“, און דער „אדם און חוה“ ציקל וואָס באַווייזן אַז משה עובד איז דער דיכטער פון אָריגינאַליטעט אין וועלכער ער האַלט זיך זינט ער האָט אָנגעהויבן מאַכן זיינע ערשטע שריט אויף דעם וועג פון דיכטונג.

אין דעם בוך זינגט דער דיכטער אויס זיינע געפילן און געדאַנקען דורך זיין באַהעלפער, וועלכער פירט די קינדער „אין חדר אַריין“, כאָטש משה עובדן וואָלט שוין זיכער געפּאַסט צו האָבן אַן אייגן חדר און זיין אַליין אַ מלמד, נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט זיין יובילעאום וואָס ווערט איצט געפייערט.

משה עובד איז אָבער פול מיט עניוות, ער יאָגט זיך ניט פאַר קיין הויכע פּאָסטנס. עס איז אים ליב צו זיין אַ באַהעלפער, ווייל ער איז נאָך גענוג יונג צו שאַפן און ער איז נאָך דערווייל מוחל דאָס עשירות פון אַ מלמד.

אָבער זאָל מיר נאָך ערלויבט זיין צו זאָגן, אַז משה עובדס ווערק זיינען אַ גרויסער ביישטייער צו אונזער ליטעראַטור צוליב זיין פּשטות, שענקייט און רייכקייט פון גייסט. אָבער וואָס מיר פאַרלאַנגען פון דיכטער איז צו פאַרלאָזן זיין פאַרכשופטן שלאָס, אַרויסצוקומען צו אונז אויף דער גאַס כדי צו זעען מענטשן אַזוי ווי זיי זיינען און ניט אַזוי ווי ער שטעלט זיך דאָס פאָר אין זיין שבתדיק מיט גאָלד און בריליאַנטענע פאַרהאַנגענע פּרוכתן.

דער מענטש איז אי גוט און אי שלעכט. ער האָט שיינע און מיאוסע געדאַנקען, ליבשאַפט און האַס, און דאָס אַלעס קען און דאַרף דער דיכטער זעען פון דער נאָענט, דורך קוקן דעם לעבן גלייך אין פּנים אַריין און זעען וואָס עס האָט אונז צו דערציילן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, געגנוואַרט און צוקונפט.

דער דיכטער מעג ציען זיין אינספּיראַציע, באַהערשט ווערן פון רוח הקודש פון אַלעם, וואָס איז מסוגל אין אים דאָס אַרויסצורופן, אָבער מ׳קען אויך באַקומען אינספּיראַציע פון לעבן גופא, פון דער צייט און סביבה אין וועלכער מען לעבט, כדי צו געבן די געשאַפענע ווערק ניט בלויז אַ ווינקעל אין פּאַלאַץ פון פּאָעזיע נאָר אויך אַ פּלאַץ אין טעגלעכן לעבן פון מענטשן.

עס איז די פליכט פון דיכטער צו זינגען פון זיינע טעג, אַרויסזינגען דעם צער און די האָפנונג פון זיין פאָלק, און אונזער משה עובד איז צו זיין 60־יעריקן יובילעאום נאָך גענוג יונג צו עפענען זיין פענסטער צו דער גאַס, זען ווי דאָס לעבן זעט אויס אין דרויסן, באַרייכערן אונזער ליטעראַטור מיט נאָך ווערק פון זיין קינסטלעריש באַגאַבטע נשמה. —

* * *

משה עובד, איך דריק חבריש דיין האַנד, און ווינטש דיר פון גאַנצן האַרצן נאָך אַ סך יאָרן פון פּרוכטבאַרער און שעפערישער טעטיקייט.

מיר דאָ, אין לאָנדאָן, מוזן פאַרבלייבן יונג, ווייל עס שטיין דאָ נישט אונטער אונזערע אַקסלען קיין יונגע יידישע שרייבער און דיכטער, וועלכע זאָלן קאָנען פאַרנעמען אונזער פּלאַץ. פאַר דער יידיש שעפערישער לאָנדאָן ביזטו תמיד געווען אַ געווינס און מיר, דיינע חברים גרויסן זיך מיט דיר סיי אַלס דיכטער און סיי אַלס מענטש.

איך באַגריס דיך צו דיין 60־יעריקן יובילעאום, ווייל דיין יום טוב איז אונזער אַלעמענס יום־טוב.

י. טיגער

# סוחר און פאעט

(פון אַ רעפעראַט וועגן משה עובד געהאַלטן ביי די „יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס“ צו זיין 60־סטן יובילײ).

אונזער יובילאַר פילט זיך, ווי עס קומט נישט־זעלטן פאַר צווישן פענמענטשן,—נישט פאַרשטאַנען, אָדער — נישט ווי געהעריג פאַרשטאַנען, און דאָס איז אים געוויס גורם אי אַ שטילן קריוודע־געפיל פאַר נישט ריכטיק אָנערקענט און אָפּגעשאַצט צו ווערן, אי אַ פאַרבאָרגענעם יצירה־צער צוליב דער פגימה אין פּאָעטישן יושר.

די סיבה פון נישט ווערן ווי געהעריק פאַרשטאַנען, איז נישט תמיד ווייל דער דיכטער זינגט נישט אויפן קול, נאָר בלחש; אדרבה, דער שטילער ניגון קאָן צומאָל אפילו זיין אַ גרויסע מעלה. אָט איז מיר אויסגעקומען צו הערן אין איינעם פון די באַרימטע אייראָפּעאישע קאָנצערט־זאַלן אַ „פליסטער־טענאָר“, דהיינו, דער זינגער האָט אַוועקגעמאַכט מיט אַלע סקאַרבאָווע כללים פון געזאַנג, ער האָט נישט געדאגהט אַ האָר וועגן דער „אויבערשטער און אונטערשטער לאַגע“, נישט געסטאַרעט אריינצוכאַפּן אַפּלאָדיסמענטן מיט ראַפינירטע פאַלצעטן — און פאָרט איז מען אים געלאָפן הערן אויף בילעטן!

האָבן מיר דאָך בקבלה, אַז אַ שליח־ציבור, הגם ער צעלאָזט זיך נישט בקולי־קולות אַז עס זאָלן אַזש טרישטשן די סלופּעס און אָפּהילכן די ווענט, ער שאָקלט זיך נישט אין דבקות און מאַכט נישט קיין העויות מיט די הענט, איז זיין „תפלה לעני כי יעטוף“, כאָטש געזאָגט בלחש אָבער מיט די אמתע כוונות אין יחודים—איז זיין תפילה עלול צו שפּאַלטן הימלען און אָנצושלאָגן אַזש ביז צום סאַמע כסא הכבוד . . .

די סיבה פון נישט פאַרשטיין אַ דיכטער ליגט גיכער אין זיין ה ת ו ד־ ה ד ב ו ר, אין זיין ספּעציפישער דיקציע; וואָרים שטענדיק גילט ביים אָבשאַצן אַ וואָרט־קינסטלער דער פינפוורטער־קריטעריום פון מאָסגעבנדסטן ליטעראַטור־מבין פון אַלע צייטן: דברה תורה בלשון בני־אדם! באַקליידן און באַשיכן דעם רויען חומר מיט אַ לבוש פון פ ש ט ו ת, — דאָס איז אייגנטלעך די גרויסע קונסט און דער תכלית פון וואָרט־באַשאַף. ווערט מען אָבער פאַרנומען אין אויסלעבן זיך מיט צירופי־שמות און רמזים, מיט פאַרנעפּלטע זאַץ־קאָנסטרוקציעס און שברי־כלים־באַצירונגען, וואָס אפשר זיינען זיי פאַרשטענדלעך פאַר נשמה־באַזיצערס פון דערזעלבער מדרגה אָדער אַ קליינע גרופּע פון געניטע אויסטייטשערס, — פאַרן רוב מנין און רוב בנין פון דער לייענערוועלט איז עס אָבער קנאַפּ־וואָס פאַרשטענדלעך, אַ שטייגער ווי דער לשון פון די טויב־שטומע, וואָס ווערט, כידוע, נישט פאַררעכנט צווישן די שבעים לשונות . . . אוודאי, מעג מען זיך און מען זאָל זיך זאַמירן צו גרויסע זאַכן,



אָבער וואָס ווענעקער שפּילן זיך מיט ווערטער און וואָס ווענעקער צעקנאָדערן און זאַמוטשען דעם לשון! וואָרים אויב נישט, קומט אַרויס אַנאָויפגעפּוישטער סטיל, הגם באַשמעקט מיט מיסטישן קטורת, לאָזט ער איבער אַ חשד־געפיל, אַז דער ע י ק ר איז וואַקלדיק און הינטערשטעליק.

*　　*　　*

אין זיינע מעמואַרן־ביכער „האַנדל און לעבן“ און „וויזיאָנען און איידל־שטיינער“ באַווייזט משה עובד, וואָס עס הייסט ריידן קלאָרע דבורים, דבורים פון אַ געניטן סוחר, וועלכער איז אַ גרויסער מבין סיי אויף דער סחורה זיינער, אין וועלכער ער איז איינגעליבט און סיי אויף דעם ערב־רב פון קונים און קונהטעס.

אַ סך מענטשן, באַזונדערס יידן, האָבן אַ גרויסע שוואַכקייט צו כלערליי צירונגס־אָביעקטן; יידן באַזונדערס דערפאַר, ווייל זינט זייער וואוינאָרט איז נישט קיין שטאַבילער און זייער וואוינרעכט נישט קיין געזיכערטער, האָבן זיי אין צירונג געזען דעם שווה־כסף, וואָס מען קאָן מיט זיך מיטנעמען אין דעם ענדום־פּענדום פון גלות־געלאָף. קוקט זיך אָקאָרשט איין צו דער ליבשאַפט פון אַ היהנער־יידענע צו אירע בריליאַנטענע־רינגען; עס איז דער עקוויוואַלענט פון איר טרחה, וועלכן זי קאָן כהרף־עין אויסטוישן אויף מזומנים. דאַקעגן ווערט איר געפינען, אַז וואָרע עסטעטן האָבן פיינט ווי חזיר אַ גאָלדענעם חפץ, אָדער אַ בריליאַנט מעג ער זיין בלויז די גרויס פון אַ שפּילקע קעפּל. שטעלט מען אַוועק דעם מאַטעריעלן ווערט אָן אַ זייט, איז דער הנאה־געפיל פון אַ צירונגס־אָביעקט זער אַ פּרימיטיווער, סיידן מען טיילט אים אויס ניגראָמאַנטישע אַטריבוטן, און דאָס האָט דאָך שוין אוודאי נישט קיין שום שייכות צו דעם געפיל פון פרייד וואָס קומט פון אמתער קונסט!

„וויזיאָנען און איידלשטיינער“ געהערן צו יענער קאַטעגאָריע מעמואַרןביכער, וועמענס ווערט און באַטייט עס ווערט גרעסער אין פּראָפּאָרציע צו דער דיסטאַנץ פון דור, אין וועלכן זיי זיינען אַנטשטאַנען. דאָס בוך איז אַ היינטצייטיקער פאַסיקער חבר פון די צוויי באַרימטע יידישע ווערק פון ב ע ר ב אָ ל ע כ אָ ו ו ע ר און א ה ר ו ן י צ ח ק. עס איז דערזעלבער פאָרום: מסחר! ביי איינעם ווייך, און ביים אַנדערן דוכט זיך אַנטיקן און צירונג. מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט ריידן בידע וועגן זייער סחורה, און ווי וויכטיק איז ביי זיי אפילו דער קלענסטער דעטאַל פון אַנאָבגעשלאָסענעם מסחר!

ביי אונזער מחבר קומט נאָך טיילמאָל צו דער „פּאָעטישער מאָמענט“, הגם אויך ער דערציילט אַלעס מיט נאַאיווער פשטות: „איך האָב געקויפט דעם דאָזיקן איידלשטיין איבער אַלע איידלשטיינער פאַר איינאונצוואַנציג פונט, און האָב אים פאַרקויפט פאַר צוואַנציק פונט צו מיין פריינד — —“ (ז. 134). אָדער: ניט לאַנג צוריק האָב איך געקויפט אַנערך פון צווייהונדערט רוסישע איקאָנעס — — ס׳איז געווען אַזאַ מציאה, אַז איך שעם זיך עס אפילו צו דערציילן“ (ז. 135).

אָבער אַנאַנדערמאָל שעמט ער זיך נישט און דערציילט וועגן זיין טאַם־

באַנק אַט מיט אַזאַ אַפּנהאַרציקייט: „ער (דער טיש) וואָלט דערציילט, אַז זיינע אויערן, וואָס ווייסן די קאַטאַסטראָפעס, האָבן געהערט אַ היבש ביסל ליגענס, וועלכע איך האָב געזאָגט, קוקנדיק מענטשן גלייך אין די אויגן. ער וואָלט דערציילט, אַז איך האָב אַמאָל מיינע אַ גוטע פריינדין מאַדאַם ב. פאַרקויפט אַ עמעראַלד־רינג פאַר ניין פונט, וואָס איז ניט ווערט געווען מער ווי פינף. זיינען די פיר איבעריקע פונט געלעגן אויף מיין געוויסן. און נאָר ווען גאָט איז מיר געקומען צו הילף, און זי האָט דעם רינג פאַרלוירן, איז מיר גרינגער געוואָרן אויף דער נשמה (ז. 195).

אָבער דער טיש האָט נאָך עפּעס צו דערציילן: „ער וואָלט דערציילט, אַז אויף זיין רוקן האָב איך לידער געשריבן, דורכגעזיפּט דעם אלף־בית און דעם ווערטערבוך צו געפינען אַ גראַם“ (דאָרט).

ביים יידיש־דייטשישן שרייבער בערטאָלד אָוערבאַך איז פאַראַן אַ שיינע דערציילונג אונטער דעם נאָמען: „דיכטער און סוחר“; דאָס בוך „וויזיאָנען און אידלשטיינער“ איז געשריבן פון אַ ס ו ח ר, וועלכער איז אויך אַ דיכטער, וואָרים אוודאי ווערט אַנטשוויגן דער סוחר ווען דער פּאָעט שטעלט זיך אַוועק און איז זיך „מתוודה“: „זעלטן האָב איך פאַרשוועכט אַ קונסטווערק, מיט וויזן עס אַ גראָבן נפש“ (ז. 120).

* * *

„וויזיאָנען און אידלשטיינער“, ווי אויך „אַרויס פון כאַאָס“ און „לעבנס־לידער“ זיינען, דאַכט מיר, פּרעלימינאַרע אַרבעטן צו די שאַפונגען, וועלכע זיינען נאָר וואָס דערשינען אין זיין פּרעכטיקן בוך „אין חדר אַריין“. דאָס ווערק וועט נאָך, מסתמא, אויספירלעך באַהאַנדלט און ווי געהעריק אָפּגע־שאַצט ווערן. דאָס ליד וואָס געפעלט מיר אַמבעסטן, און אויף וועלכן איך וויל אויפמערקזאַם מאַכן,—ווייל עס איז, לפי דעתי, דאָס אָריגינעלסטע פון בוך — איז „דער גלות־גאון“. עס איז פון יענעם סאָרט שאַפונגען, וואָס בלייבן צווישן עיקר פון דיכטערס „געקליבענע כתבים“ און ווערן צומאָל „מגולגל“ אין כרעסטאָמאַטיעס און אַנטאָלאָגיעס.

איך שטעל מיר גריילעך פאָר, וואָס אַ לערער פון אַ יידישער מיטלשול אַ שטייגער קאָן אַלץ דערציילן זיינע תלמידים, טאַקע שוין באַלד נאָכן איבער־לייענען די ערשטע זעקס שורות:

„ווי ירושלים׳ס טלית — אונזער נאַציאָנאַלע פאָהן,
ווי אַ בלאַט גמרא — אונזער גלות־גאון!
ווי די משנה שיינט זיין ליכטיגער שטערן, אַ חיות.

ווי רש״י־כתב אויגען, רמזים ווינקען און פינקלען
ווי מפרשים — ברעמען און באָרד טייטלען צו אַלע ווינקלען,
ווי מהרש״א און תוספות באַמבלען געקרייזלטע פאות“.

טעקסטן פון אַזאַ ליד ווערן געדרוקט און ספּעציעלע שילער־אויסגאַבעס, מיט אַ פירוש און אַנמערקונגען. און מען לייענט און חזרט איבער און מען



שוויצט און מען לערנט אויסנווייניג און מען „זאָגט אונטער“ — אַלץ צוליב אַ שיינעם יידישן ליד.

משה עובד האָט זיך, ווי מיר זעען, דעקלאַרירט אַלס בעלפער, אַלס דרדקי־מלמד אַזוי צו זאָגן, און גענומען קנעלן מיט אימאַגינערע תלמידים. אָבער מיט אונזערע אייגענע אויגן האָבן מיר דאָך שוין געזען, ווי אַ דרדקי־מלמד איז זיך מיטאַמאָל מיישב און צום נייעם זמן נעמט ער גאָר אַריין — גמרא ייִנגלעך!

און אויב ער איז נישט קיין „פאַלשיוויניעק“, נאָר ער לערנט מיט זיינע תלמידים לשמה, איז ער זוכה ביי זיי צו זען אַ גוטע פעולה, און זיין שכר איז גרויס לעולם הבא...

אין די קלויזן זיפצן די טאַטעס מיט אַ שטילן נחת, טייטלען אויף אים און שאָקלען איינער צום אַנדערן: אַן ערלעכער ייד—און אַ געטרייער מלמד!...

פון י. ת. קלינגער

# „אין חדר אריין“ זאגט משה עובד...

(אַ ליטעראַרישער שמועס)

נישט קיין קריטיק וויל איך דאַ שרייבן איצט. אויך נישט קיין אָפּ־שאַצונג און איבער־אָדער־אונטערשאַצונג וויל איך דאַ געבן וועגן אַ מענטש מיט סענטימענטן, אַ דיכטער ביי וועמענס צוקאָפּנס עס ליגט „ד ע ר מ אַ מ ע ס ק ר ב ן ־ מ נ ח ה ס י ד ו ר“ וואָס איז דער קוואַל פון זיין אינספּיראַציע, פון זיינע סענטימענטן פון זיין צוגעבונדנקייט, מכף רגל ועד ראש, צום יידישן פאָלק, יידישער עטיק, צו זיין אין־זיך טיף איינגעוואָרצלטער יידישקייט און צו יידישער שפּראַך און איר פּאָעזיע. ווען איך זאָג, אַז איך בין דאָ נישט אויסן צו שרייבן קריטיק איז דאָ געמיינט אַן אָפּהאַנד־לונג אָדער אונטערפירן אַ סך־הכל וועגן זיין ליטעראַרישער שעפערישקייט און שאַפונג. איך וואָלט עס אפשר געטון ווען ער וואָלט נישט געווען מיינער, כמעט אַן אינטימער, פריינט און ווען איך וואָלט פאַרמאָגט דערצו דיסטאַנץ און רוים.

נאָר ווי אַזוי, עס זאָל נישט זיין, קאָן איך מיר דאָך דערלויבן אַרויס־צוזאָגן וועגן אים און זיין טעטיקייט אַ מיינונג „בזעיר ענפּין“.

פאַרוואָס אָט די טעמע גראָד? — וועט מען מיך פרעגן — איז דער ענטפער:

צוליב אַ נישט קלאָרערער באַמערקונג אינעם „שלום־העפטל“ נ׳ 65, וואו דער אַרויסגעבער און דיכטער א. נ. שטענצל שרייבט, צווישן אַנדערע באַמערקונגען און אין אַ כמעט וויציקן טאָן, אָט אַזוי: ... „דאָ איז משה

עובד געגאַנגען ‚אין חדר אַריין‘ — ער דערגייט דאָ דעם וואונדערלעכן וועג פון ‚אַמאַטאָר‘ צום דיכטער!“ (סיק!). איך פּערזענלעך האַלט אַז די דאָ ציטירטע, שטענצלס, ווערטער, זיינען צו געוואַגטע און האָבן אַ רעכט צו שאַפן ביים לייענער אַ נישט קלאָר בילד וועגן דעם אַלטן „אַמאַטאָר“ און יונגן — אַדאַנק די „העפטלעך“ — דיכטער. איז לאָמיר־זשע טאַקע גלייך זאָגן, אַז דער „אַמאַטאָר“ איז שוין גאָר אַ טשיקאַווער אַמאַטאָר און זאָל אונז גאָט באַגליקן מיט נאָך עטלעכע מנינים אַזעלכע אַמאַטאָרס און מיר׳ן זיך האָבן מיט וואָס צו גרויסן אין אונזער יידיש־אַמאַטאָרישער דיכטונג. ווייל לאָמיר נאָר אָנהויבן מיט, פון אַ צייט, ווען נישט א. נ. שטענצל און נישט די „העפטלעך“ האָבן געלעבט אין לאָנדאָן. אין 1924, איז אין געוויסע קרייזן פון יידישע־ציוניסטישע פירער געוואָרן אַ שטיקל בהלה און דאָס צוליב משה עובדס מייסטערהאַפטער פּאָעמע „יידיש“. אַזאַ פּאָעמע איז אַ גענוגנדיקער סטאַזש פאַר צו זיין אַ גרויסער, קרעפטיקער פאָלקס־דיכטער. און דערפון ווערט קלאָר אַז שוין מיט, קיין ע״ה, 21 יאָר צוריק איז משה עובד זער ווייט געווען פון צו זיין אַן אַמאַטאָר מיט גענזן־פיסלעך!

נאָך אַ וואָרט אין שייכות צו דער פּאָעמע „יידיש“: לייענדיק די פּאָעמע דערפילט איר דאָס וואָס עס קאָן נאָר פילן אַ כשרע, יידישע מוטער בעת זי ווישט אָפּ דעם פיבערדיקן שטערן פון איר איינציקן, היים־געליבטן, קראַנק־געוואָרענעם בן־יחיד, און דווקא געראָטענעם בן־יחיד. און אַזוי ווי די דאָזיקע מוטער געפינט אַרויס פּערלדיקע ווערטער פון דער טיפעניש פון איר צער און ליבע אַ טרייסט וואָרט פאַר איר בן־יחיד, אַזוי האָט משה עובד אַרויסגעפונען דעם סטיל, אָבער פון האַרץ־פון־זיין פאָלקס־נשמה וואַרעמע און עכט יידישע ווערטער, פאַר זיין „יידיש“...

אַזוי גייט ער בהדרגה׳דיק מעלה־מעלה אין זיין יידישן ליד שוין באַלד אַ פערטל־יאָרהונדערט; שפּרייזט מיט גבורה אַריבער איבער זיין פאָלקס־טראַגעדיע און לאָזט אַ צווייטן מאָנומענט „די יידעלעך פון א״ב“ און הערט וואָס ער זאָגט דאָרט:

„יינגעלע, יינגעלע,
ווי זעט אויס אַן **א**?
— אַ יידעלע אונטן, אַ יידעלע אויבן, אינמיטן אַ חלף,
אַזוי זעט אויס אַן אלף! אוי, אַזוי זעט אויס אַן אלף!“

האָט נאָך ווער אין אונזער מאָדערנער יידישער דיכטונג מיט אַזאַ איבערמענטשלעכן כוח, אין איין קורצן פילאָסאָפיש־פּאָעטישן שטריך, אויפגעבויט דעם מאָנומענט פון און פאַר יידישער מאַרטיראָלאָגיע? איצט איז עס נישט ער גייט, נאָר ער, משה עובד, פירט אונז צוריק „אין חדר אַריין“ — וואָס איז דער נאָמען פון זיין ניי בוך לידער וואָס וועט בקרוב אַרויס פון דרוק און וועגן וועלכן מיר וועלן זיכער האָבן אַ וואָרט צו זאָגן,



שוין טאַקע צוליב דער קאָנצעפּציע זיינער און מיסטישער באַגרינדונג וואָס שייך דעם אַלטן אויסלייג פון דער אַלטער פּויליש־יידישער אָרטאָגראַפיע.

איך דערמאָן דאָס דאָ, וועגן דער אַלטער אָרטאָגראַפיע, ווייל זאָל מען נישט מיינען, אַז משה עובד האָט פיינט אונזער פּראָגרעס אין יידיש אָדער לשם פאַרבאָרגענער דעמאָנסטראַציע קעגנאיבער די יידישיסטישע קנאים.

איך וועל דאָ אַלס אילוסטראַציע דערמאָנען עפּעס פון מיינע פּערזענלעך „אינטימע שמועסן“ מיטן דיכטער עובד:

עס איז געווען אין אַ כמורנעם רעגן־טאָג אין לאָנדאָן. זיינען מיר געזעסן טאַקע ביי אים, ביי עובדן, אין ענגן „קדשי־קדשים“ פון זיין „קאַמעאָ־קאָרנער“. האָט ער אַרויסגענומען פון אַ קעסטל זילבער און גאָלד פיגורן און זיי מיר אויסגעשטעלט אויף זיין אַרבעט־טישל, אָנגעצונדן אַ מנורה מיט ליכט און דאָס בילד און אויך די שטימונג דערצו זיינען געווען קאָמפּלעט. די זילבער פיגורן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַלטע, מיט געקנייטשטן שטערן, באָרד און פאות, קאַפּאָטעס און געבויגענעם רוקן, יידן. די חיות און עופות זיינען געווען אויס גאָלד געמאַכט. און אין תוך־כדי־דיבור האָט ער מיר דערקלערט די סיבה פאַרוואָס די יידעלעך זיינען נישט פון גאָלד נאָר פון זילבער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט להכעיס דעם שטן נישט געוואָלט דערמאָנען די מעשה פון עגל־הזהב ער ווידער האָט מיר דערקלערט, אַז דער זילבער בגד פּאַסט זיך בעסער צו און קומט אַרויס פיל ווייכער און דער קלאַנג דערפון איז פיל אידענטישער מיט דעם ווײ־געשריי פון טאַטן דעם שו״ב אין גלות. און ווען ער האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין אונזער דאָזיקן שיחת־חולין איז ביי אים אין האַרצן געבוירן געוואָרן זיין „ווייגעשריי פון די נקודות“ און די „כ׳ און ח׳ באַלאַדע“.

אויף מיין שאלה פאַרוואָס ער באַנוצט זיך מיטן אַלטן אויסלייג אין זיינע לידער וואָס וועלן איצט דערשיינען אינעם בוך פאָרם א. נ. „אין חדר אַריין“ איז זיין ענטפער געווען:

„... אינעם אַלטן יידישן אויסלייג ליגט די נשמה, דער גייסט, דער טרויער און האָפענונג, יאָ דער אָטעם און דער כאָרכל פון אַ געפּלאָגטן יידן, וואָס מאַטערט זיך זיין לעבן לאַנג ביז ער הויכט אויס זיין נשמה אויף קידוש־השם...“

יאָ, ווער עס וועט זיך וואַשן צוערשט די הענט, פאַרן נעמען אין האַנט אַריין משה עובדס אַ ליד, דער וועט אַרויספילן דעם סוד פונעם דאָזיקן ליד און וועט הערן די רייד פון די אויף „אָטאָ־דאַ־פע“ געגאַנגענע אותיות וואָס האָבן געוואָלט און געפונען אַ תיקון אינעם נישט מאָדערנעם אויסלייג אין משה עובדס אַ ליד.

## משה עובד

# ווען באַרנעלעך בליהען

(געווידעמט די זעכציק אַראָבגעפאַלענע באַרנעלעך פון מיין עץ־החיים)

ווען באַרנעלעך בליהען,
אויף מיין שכנס אַ בוים,
איז יעדעס בלעטעלע און באַרנעלע
אַ הערצעלע אין רוים.

און ווען באַרנעלעך פאַלן
אין מיין גערטנדעל אַריין,
מאַך איך פון זיי אַ צימעס
און פערציקער גאַנץ פיין.

און ווען תפילות צו מיר זיך ציען,
פון הערצער פאַרביי,
זוך איך אַ גאָלדענעם תיקון
פאַר זייערע טרערן פון בליי.

און ווען קאַרטאָפל קאַפּן טרערן
און ס׳ברעכט זיך ס׳האַרץ פון קרויט,
טו איך גוט זיך צוהערן
און שטיק זיך מיטן ברויט.

## דאַראַ דימאַנט

# משה עובד צו זיין זעכציקסטן געבורטסטאג

פאַרנעמענדיק זיך זייער טיף צו פאַרטראַכטן, וואָס אַזוינס איך זאָל רעדן איבער משה עובד ביי זיין גרויסער פייערונג, פעראַנשטאַלטעט פון „פריינט פון יידישן לשון“, האָב איך פלוצים זיך ארומגעזען, אַז איך ברויך זיך כמעט גאָרניט צו פאַרטראַכטן. עס ליגט אַלץ אָפן און קלאָר און גרייט; אַן אמתער נגידישער שבת־אויבס־טעלער, נאָר צוצולאַנגען. אַזוי אָבער ווי געסט אָן עין הרע זענען פאַראַן אַ סך, און אויף דעם טעלער געפינט זיך מכל טוב און מכל הסאָרטן, וועט מיר, האָף איך קיינער ניט פאַראיבל האָבן אויב איך וועל זיך אויסקלויבן דאָס, וואָס ס׳איז מיין געשמאַק אמנאָנסטן, און איבער דעם אַ ברכה מאַכן. יאָ, מיר געפעלט ביי משה עובדן אממיינסטן זיין שפּילעדיקייט, זיין קינדערשע יום־טובדיקייט. אין זיין וועלטל — שאָפּ צי בוך — גייט מען שטענדיק מיט שמחת־תורה פענער, מען זאָגט יעדן טאָג הלל און יעלה ויבא, דאָרט מאַכט מען קיין הבדלה נישט. משה עובד גייט קיינמאָל ניט איינגאַנצן אַריבער אין די ניכטערדיקע וואָכעדיקייט פון דערוואקסן (גרוים) זיין, „סטאַטעטשנע“ ווערן. „ס׳איז דאָך שוין צייט צו ווערן אַ לייט!“ — משה עובד וועט קיינמאָל ניט „ווערן קיין לייט“. אפילו אין מיטן פון דער גנבה׳שער סוחרישקייט — נישטאָ קיין אַנדערע סוחרישקייט — אפילו דאָ בלייבט ער כאָטש מיט איין פוס, מיט איין אויער, מיט איין אייגל אין דרויסן ביי דער האַליאַסטרע ווייסע חברהניקעס. אפילו זיינע גנבהלעך גייען אָנגעטון אין סאַמעטענע היטעלעך און יום טובדיקע סטענגעס. ס׳איז ניטאָ קיין סיטואַציע, אין וועלכער משה עובד זאָל ניט געפינען אַ הינטערטירל, אַ ליפּטשיק, אַרויסצושפּרינגען און אַנטלויפן פון וואָכנדיקער גרויקייט אין זיין וועלטל אַריין. און אויב שוין באו מים עד נפש — אויף באַנקעטן אַ שטייגער, פאַרזאַמלונגען, חתונות און ר״ל לויות — דעמאָלט ראַטעווט ער זיך און אַנדערע וואָס געפינען זיך גראָד אין דער נאָענט, מיט אַ טשאַטשקעלע פון וועסטל־טעשל אַרויס, אַ טשוויטשער פייגעלע, אַ טויזנט־און־איין־נאַכט־קאָלירט שטיינדעלע מיט אַ קנעפּל מיט בלישטשעדיקע קלינגלעך, און מ׳בענטשט גומל.

דאָס וואָס ער רופט אָן אין זיינע רעפּעראַטן, ביכער און סתם שמועסן זיין „גרויסע געטלעכע שליחות“, אַלע די אידייען זיינע, אַז ער משה עובד בן יחיאל, איז אויסדערוויילט געוואָרן אויסצולייזן די וועלט פון איר טעות, אַז זי איז ניט דער גן־עדן, זיין מיסיע, שבתדיק צו מאַכן די וואָכעדיקע טעג. דאָס אַלעס איז ניט גלאַט אַזוי אַן אויסגעפּלפּולטע פילאָזאָפיע פון אַ דערלייזער־דילעטאַנט. דאָס האָט עס די אייביקע, אומדערפילטע בענקשאַפט נאָך רו, ריינקייט, שענקייט, די בענקשאַפט נאָך תקון— ביי משה עובדן אָנגענומען אָט די פאָרם. צוליב די זער וואַזשנע, טיילמאָל קולות ובדקימדיקע ווערטער, אין וועלכע ער קלייד ארום זיינע בענקשאַפטן, באַקומט זיך מאַנכעס מאָל אַן אויסזען פון אַ בר־מצוה בחורל, וואָס מעסט זיך אָן דעם טאַטנס שטריימל. די בענקשאַפט צו ווערן אַ גרויסער ייד, איז ביי אַ בר-מצוה בחורל ערלעכער און אויספירבאַרער (ווייל ער זעט אַ וועג), ווי ביים שפּעטער דערוואַקסענעם (וואָס האָט צופיל געבלאָנדזשעט און דעם וועג פאַרלוירן).

עס איז זיכער ניט קיין צופאַל, וואָס אָט דער מיט צאַצקעס פאַרשפּילטער און פאַרשפּילענדיקער משה עובד איז איינגעטון אינעם ענין פון „פדיון שבויים“, אויסצולייזן פון זייער גלות, שטיין, גראָז און לעבעדיקע בריאה, און זיי ברענגען אַ תיקון. אויסצולייזן די וואָכעדיקע טעג, און צו מאַכן יום־טוב. דאָס איז ניט קיין צופאַל און ניט קיין סתירה. קינד און יום־טוב דאָס איז איינס, איינס פאַר דאָס אַנדערע געשאַפן. עס איז ניט פאַראַנען

קיין דערוואקסענער מענטש וואָס זאָל האָבן דעם כוח אַזוי זיך אויסצוטון פון דער וואָכעדיקייט און זיך אַזוי מיט אַלע אברים אַריינטון אין פּראַווען שבת און יום־טוב ווי אַ קינד; נאָר קינדער קענען פּראַווען יום-טוב משלמות. דאָס איז די אויסגעחלומטע וועלט וועלכע גיט דעם קינד דעם כוח אויסצוהאַלטן דעם קאַנטשיק אַגאַנצע וואָך, אַ גאַנץ יאָר, אַ גאַנץ לעבן. און מ'הענגט זיך אָן דעם יום־טוב. ער זאָל זיך נאָר ניט ענדיקן, נאָר ניט ווערן אויס יום־טוב. דאָס קאָן אָבער נעבעך ניט זיין. די וועלט בעשטייט ניט בלויז פון חדר-יינגלעך! עמיץ האָט הבדלה געמאַכט און ס'איז געוואָרן אין דער וואָכנס. דעם טאַטנס פּרנסה־קרעכצן, דער מאַמעס פאַרזאָרגט פּנים, דער אָפּגעדעקטער טיש, אַלעס זאָגט עדות, אַז ס'איז אויס יום-טוב. אָבער, אַז מ'הייסט משה עובד, איז נאָך ניט אַלעס פאַרלוירן, אַ סוחר איז מען, אַ דריי צו מאַכן פאַרשטייט מען, נעמט מען זיך אַ שמועס טון מיט די איילעדיקע, תחלתדיקע הבדלה־מאַכער, זיי אונטערקויפן מיט אַ בלישטשעדיק קנעפּעלע. נו גוט, זאָל זיין הבדלה מאַכן — „העטאַן גאַרדען" ברויך אויך אַ תיקון — אָבער האָט רחמנות, נעמט און וואַשט כאָטש אָרום די וואָכנדיקע טעג, טוט זיי אָן אַ סאַמעטענע היטעלע און זאָלן זיי גיין מיטן פיילן־ בויגן אין וואַלד אַריין. ניט אַזוי גאַנץ אין דער וואָכן, מ'זאָל כאָטש קאָנען זשיפּען! — —

ביי מאַנכע געלעגנהייטן קומט אויס צו הערן רעדן פון דעם גרויסן משה עובד, פון דער גרויסקייט פון זיין שאַפן. איך מוז מודה זיין, אַז מיר איז שטענדיק עפּעס פּריקרע ביי אַזאַ רעדן. אפילו וויסנדיק, אַז ס'איז ניט אין גאַנצן אַזוי ערנסט געמיינט. כ'ווייס ניט צו ס'איז גרויס, וואָס ער שאַפט. אָט פאַלט מיר למשל איין די כ און ח באַלאַדע פונם בוך „אין חדר אַריין". ס'איז איינגאַנצן אַ מין קינדיש געפּלאַפּלט באָבע־מעשהלע. נאָר איין שורהלע איז דאָרט פאַראַן, וואָס האָט דעם כוח פון דעם רייט-וואָגן, דאָס גאַנצע אַרויפצוברענגען גלייך פאַרן כסא־הכבוד, דאָס לעצטע שורה'לע: „אין בית אשר אין שם מת" (ס'האָט גאָרניט צו טון, וואָס ער ציטירט עס בלויז) געברענגט אין דעם צוזאַמענהאַנג פון זיין באַלאַדע, רירט אָן די פיר זיילן פון אונזער עטישן יסוד. יאָ, משה עובד ווייס יאָ פון זאַכן. ער האָט זיי נאָר ניט שטענדיק ביי זיך, ער איז צו פאַרשפּילט, אָן זיי שטענדיק צו געדענקען. ער קען זיך ניט לאַנג אויפהאַלטן אין די קאַלטע, קלאָרע ימים פון אמת און ערנסטקייט. ער קאָן דאָרט ניט רעכט אָטעמען. אָבער אַז ער איז מפסיק פון שפּילן זיך, קאָן ער אויף אייך אַ קוק טון. און איר ווייסט, אַז משה עובד ווייס אין וואָס עס גייט. און דאָס איז אַסך, און אפשר איז דאָס טאַקע גרויס.

זיין שאַפן — אַזוי ווי איך זע עס — איז ניט קיין גלייכמעסיק שנירל פּערל, אויסגעקליבן און אויסגעהאָדעוועט און אויפגעצויגן איינס אין איינס. ס'איז אַ שינרל פּאַטשערקעס, בלישטשעדיקע, און אַלע קאָלירן שעמערירנדיקע פּאַטשערקעס, געפונען און נעקליבןביים שפּילן זיך, און אויפגעצויגן זיי, זיצנדיק ערגעץ אויף אַ הינטער גאַניקל פון דער וועלט, אָדער אפשר



נאָר אין אַן אויסגעפּוצטער יאָר־סוכה, און זיך זאַט אָנשפּילנדיק, אוועקגעגעבן צושטייער פון אונזער פאַרלקסצירונג קעסטעלע אַריין. מיט משה עובדן — און אויך מיט נאָך עטלעכע, ווי יצחק מאַנגער, קוויטקאָ און אַ פּאָר אַנדערע מער, האָבן מיר אין אונזערן „קאַמיע־קאָרנער" אויפגעהאַנגען אַ שנירל פּאַטשערקעס. אַ שנירל קינדערלאַכן־קאָלירטע, אויגעלעך־בלישטשעדיקע פּאַאַשערקעס, וואָס דערוואָרעמען אַ יעדעם האַרץ און וועלכן ס'קרייזט נאָך מיט אַ טראָפּעלע קינדער-בלוט.

פאַר אָט דעם וואונדערלעכן שנירל פּאַטשערקעס, משה עובד, און אויך פאַר אַלע אַנדערע אַנטיקן, זאָלט איר אייביק געבענטש זיין. די חדר־קינדער, די ווייסע חברה פון דער גאָרער וועלט דאַנקען אייך דערפאַר מיט דעם גאַנצן התלהבות פון קינדערשע הערצער. ס'איז אַ תענוג אייך צו האָבן אין דער חברותא, מיט אייערע לאַכעדיקע קמץ-גלעקלעך, וואָס קלינגען אַזוי שטיפעריש־האָפּערדיק אין אונזערע בשמים בקיסלעך ביי הבדלה מאַכן.

## אייזיק גאָלדבערג

## משה עובד

### געדאַנקען איבער משה עובדס פּערזענלעכקייט און זיינע שאַפונגען

(ווידמונג צו זיין 60־סטן געבורטסיאָר)

### 1. דאס א. ב. יידעלע

צווישן אַלע פּילזייטיקע און באַזונדערס פאָלקסטימליכע שאַפונגען פון משה עובדן, וועלן בלי ספק, די פּאָעמען איבערן „א"ב" און „יידיש", ווערן נעקרוינט אַלס זיין אייגנאַרטיק טיפּישן פאָלקס־מאָטיוו, וועלכעס וועט זיין נאָמען פאַראייביקן.

אין די דאָזיקע פּאָעמען, ברענגט ער אַרויס בולט און גאַנץ, זיין טיף פילענדע נשמה און ליבע צום יידישן פאָלק, יידישן וואָרט און יידישן אות. ער שפּילט און צאַצקעט זיך מיטן יידישן וואָרט. יעדעס אות לעבט ביי אים און באַוועגט זיך אַלס לעבעדיקע היראָגליפן, און עס גיסט זיך אויס אין אַ קוואַל פון סימבאָלישע פיגורן... יעדעס אות טאַנצט פאַר אים פּשוט אַ הייליקן טאַנץ. סימבאָליזירט דעם יידישן „אָך און וויי", ליידן און פריידן, צרות און האָפנונג.

דער יידיש־ריידנדיקער ייד, איז ביי אים דערפאַר אַזוי טייער, ווייל ער איז אָנגעזאַפּט מיט דעם אַלעם. טאַקע דערפאַר, זאָגט זיך משה עובד מיט רעכט אַרויס זיין מיינונג, אַז אויב העברעאיש איז באַצייכנט מיט דעם הייליקן אויסדריק פון לשון-קודש, אַזוי איז יידיש מיט רעכט ווערט צו

באַצייכענען, אַלס יידיש־לשון־קודש. ווייל מיטן יידישן לשון, האָט דער ייד אָנגעשריבן זיין בלוטיקע געשיכטע פון די לעצטע יאָרהונדערטער. מיטגענומען אין זיין גלות־מאַרש, געלייטערט אין די געטאָס ביז צו דער לעצטער צייט!... אין דעם יידישן לשון האָט דער ייד געלעבט, געהאָפט, געליטן און אויך אויסגעהויכט זיין נשמה...

דאַמיט קאָן מען זעען ביי משה עובדן די גאַנצקייט און אויפריכטיקייט. צום יידישן לשון און צום יידישן פאָלק. דערפאַר קאָן זיך פּאַסן די באַצייכנונג — משה עובד דער „א״ב ייד“.

## 2. דאס וועלט יידעלע

פון דער אַנדערער זייט זעען מיר דעם הפוך. דאָס נאָך נישט פאָלקאָמע אין זיין בליק וועגן „וועלטס פּראָבלעם“, דערהויבנדיק זיך צו די גרעסטע הויכן, וואָס זיינע פּאָעטישע פליגלען קאָנען נאָר דערהויבן, איז אים דאָך נישט מעגלעך. צו דעם אַזוי שטרעבנדן „אין־סוף“ צו דערלאַנגען.

אָט אַ דאַכט זיך אים, אַז דער וועלטס־פּראָבלעם איז פאַר אים שוין קלאָר, מיט אַמאָל בלייבט ער שוועבן אינם תהום אַלס נישט דערקלערטער און אונז נישט דערזאָגטער...

דאָך פאַרלירט ער קיינמאָל נישט זיין פעסטן גלויבן, אַז אָט, אָט, האָט ער דערלאַנגט צו דעם ענד־ציל און אויך אויסגעפונען אַ לעזונג פאַר די מענטשהייט.

דורך אַ מין נייעם „מעשה־בראשית“ אינם אורשפּרונג פונם יידיש-ביבלישן גייסט גלויבט ער אויסצוגעפינען אַ רעליגיעזן־מיסטיציזם, וועלכער זאָל דינען אַלס אַ היילונג פאַרן יידישן פאָלק און פאַר די מענטשהייט בכלל.

נישט אַלעמאָל קאָן מען זיך איינפאַרשטענדיקן מיט די אַבסטראַקטע נשמה־וואַנדלונגען פון משה עובדס האָריזאָנטאַלן מיסטיציזם. איבערהויפּט איז עס שווער פאַר מענטשן מיט סקעפּטישע אָנשויאונגען. דאָך שטערט עס אַבסאָלוט נישט צו זיין מיט אים גייסטיק פאַרבונדן, זיך וואַרעמען ביי זיין גייסטיקן פלאַם, זך צוהערן צו זיינע מיינונגען. און דערביי פיל געווינען און אויך אין אים צו פאַרטרויען. דאָס איז דערפאַר, ווייל משה עובד קאָן נישט זיין אַ קעגן קיינעם. ער איז פאַר אַלעם און מיט אַלעמען...

און ווען ער דערהויבט זיך, פאָכעט ער נישט מיט זיינע פליגלען כדי אָוועקצוטרייבן וועמען פון זיך, נאָר אומגעקערט, ער ציט צו זיך און קילט אָפּ מיט אַ צאַרט ווינטל מאַנכע הייסע געמיטער און באַשטרעבט זיי צוזאַמענשמעלצן, כדי צו גיין צוזאַמען אין אַ איינהייטלעכן וועג, אין אַ ברידערלעכן וועג!

אַזאַ וועג איז ביי אים אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווייל אַזוי איז ער אויך אַליין. ער איז נאַטירלעך אין זיין דענקען און באַוועגן זיך פּשוט, אַלס מענטש צו מענטש. דערפאַר איז אויך קיין וואונדער וואָס כמעט אַלע



קרייזן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פילן זיך מיט אים אַזוי נאָענט און פאַרבונדן.

* * *

צו זיין 60־סטן יאָר איצט קאָן מען אים נאָר צווינטשן, אַז ער מעג נאָך צענדליקער יאָרן ווייטער גיין דעם זעלביקן וועג ווי ביז איצט און אַזוי אַרום העלפן שמידן דעם רינג פון יידישן פאָלק וואָס איז איינגעגלידערט אין דער גאָלדערנער קייט פון דער פעלקער משפחה פאַר אַ בעסערער וועלט, אין אַ באַפרייטער מענטשהייט!

---

## אליהו פאַלושאַק

## וואו שטייט אונדזער יוגנט?

(צו משה עובדס 60סטן געבוירן־טאָג)

אַלטע שפּריכווערטער האָבן אַ נייעם קלאַנג און מיין. מען זאָגט: ווער ס'האָט די יוגנט, האָט די צוקונפט. ווער ס'האָט די יוגנט, האָט די וועלט.

איז דאָרט, אינם פיזישן און גייסטיקן רעזערוואוואַר פון אונדזער פאָלק — אין פוילן, אין ליטע אונדזער יוגנט געוואָרן פאַרטיליקט, — וועלן מיר דאָרטן נישט מער האָבן קיין צוקונפט, וועלן מיר דאָרטן נישט מער האָבן די וועלט.

זאָגט דאָך משה עובד אין זיין „קרוין פון טרערן“:

טראָגנדיק אַ פליט-יינגעלע דאַר און קוואַר
פון חדר אַהיים
דורכן דיקסטן חושך פון צרות און צער,
בלוט און גאַל ווי ליים,
האָט דער בעלפער צום יינגעלע אַרויפגעקוקט
און געפרעגט מיטן בליק:
„זאָג מיר, מיין קרוין פון טרערן,
וואו ביסטו געבוירן?“
— „אויפן בית עולם פוילן,
וואו איך האָב אַלעם פאַרלוירן.“

אָבער דאָ אין מלכות ענגלאַנד מיט זיין גרויסער צאָל יונגע יידישע מענטשן קיין עין הרע, — וואו שטייט דאָ די יידישע יוגנט? וועלכער איז דער וועג אָדער די וועגן פון דער יוגנט? הייסט עס דאָך: ווער ס'האָט די יוגנט, האָט די צוקונפט און די וועלט, עולם הזה און עולם הבא.

די מלחמה האָט גענומען אַ סוף. אַלע פעלקער דערוואַרטן, אַז שלום און ברכה וועט הערשן אויף דער וועלט. מיר יידן ווערן נישט צוגערעכנט צו די פעלקער פון דער וועלט. זייערע ווייטאָגן און פּראָבלעמען זענען אונדזערע ווייטאָגן און פּראָבלעמען, אָבער אונדזערע ווייטאָגן זענען נישט

זייערע ווייטאָגן. זייער טרויער איז אָפט אויך אונדזער טרויער, אָבער אונדזער טרויער איז נישט זייער טרויער. אַזוי גייען מיר אין אַ סך פראַגן אונדזער אייגענעם וועג, נאַטירלעך און צילבאַוואוסט — אונדזער יידיש־גייסטיקן וועג.

און דאָ קומט אַ באַשטימטע פראַגע: וואָס איז דאָס אַזוינס דער יידיש־גייסטיקער וועג? און ווי שטעלט זיך די יידישע יוגנט צו יידישער גייסטי־קייט און יידישער קולטור, וואו שטייט די יידישע יוגנט?

דער יידישער קבוץ דאָ אין ענגלאַנד איז, ווי אַלע אַנדערע גרויסע קבוצים מעבר לים, געוואָרן געשאַפן פונם גרויסן מזרח־יידישן פאָלקס רע־זערוואואַר פונם אַמאָליקן פוילן, רוסלאַנד און ליטע. אַ באַרימטער מערב־ייד, דער ראָמאַן- שריפטשטעלער און ליטעראַטור־אַרויסגעבער דר' אַרטור לאַנדסבערגער האָט איבער מזרח־יידן און יידישער קולטור מיט 25 יאָר צוריק געשריבן: „די יידן פון מזרח זענען אַ נאַטור־פאָלק, וואָס האָט זיך זיין אייגענע קולטור. דאָס לאַנד פון וואונדער שטייט פאַר זיי נאָך אָפן. זייער וועלט איז אָנגעפילט מיט פּאָעזיע. זייערע ימים טובים האָבן אַ גלאַנץ פון באַזונדערער שיינקייט און דעם טרויער פון זייערע תעניתים וועט איר נישט געפינען אין דער געשיכטע פון קיין שום אַנדער פאָלק.“

אין זיין עסיי „וועגן, וואָס פירן אָב פון יידישקייט“, וועלכן פרץ האָט מיט אַנ'אָנגעווייטאָקט האַרץ געשריבן אַ פּאָר יאָר פאַר זיין טויט, פרעגט ער, וואָס איז אַזוינס יידישקייט, מיט וואָס זענען מיר יידן? „מיר ווילן, אונדזערע קינדער און קינדסקינדער זאָלן בלייבן יידן. אָבער וואָס האָבן מיר זיי איבערצוגעבן? און וואָס זאָל באַשטיין די ירושה?“

און איז עמיץ, חלילה, קעגן אונדזער ווילן פון אונדז אַוועקגעגאַנגען זאָגן מיר אים, אַז ער איז געוואָרן אָפּטריניק.

און פרץ פרעגט: „פון וואָס אַוועקגעגאַנגען?“ „וואָס איז אַזוינס יידישקייט, וואָס יענער האָט פאַרלאָזט?“

און מיר באַקומען נישט איין ענטפער, נאָר אַ סך. פרץ באַמיט זיך אויף די דערמאָנטע איינפאַכע און דאָך שווערע פראַגן צו געבן קלאָרע ענטפערן.

ער ווייזט אָן, אַז מיר מוזן זיך באַפרייען און אָפּזאָגן פון „פאַרבייגייענדיקע מאָמענטן, צייטלעכע צייכן און סימבאָלן“, ווען מיר ווילן גייען צו אונדזער ציל. אויסגעטייטש הייסט עס, אַז מיר אַלס פאָלק מוזן אונדז באַפרייען פון קאָניוקטורן, וועלכע עס איז רעלאַטיוו באַשערט אַ קורץ לעבן און קענען אונדז אַלס קבוץ ברענגען מער שאָדן, ווי נוצן.

ווערטלעך זאָגט פרץ:

„מיר זוכן דאָס אייביקע
„דעם תוך און עצם ענין.
„יידישקייט איז די יידישע וועלט־אַנשויאונג. און ווילט איר: די וועלט-אידעע, וואָס זוכט פאַרקערפּערונג אין דער מאַטעריע, אין דער גע־



שטאַלט, און וועלכע זי שלאָגט זיך אָפּ אין דער יידישער נשמה.
„יידישקייט איז דאָס —
„וואָס באַשאַפט אין צייטן פון זעלבשטענדיקייט, פרייהייט און מאַכט אינסטיטוטן צו איר אַנטפּלעקונג און פאַרקערפּערונג, און דעמאָלט איז זי פרייד און גליק — עולם הזה!
„וואָס באַשאַפט אין צייט פון שטרייט — אינסטיטוטן פון אָפּווער, צום פאַרהיטן, צום שיצן זיך און די איריקע, — און דעמאָלט איז זי קאַמף און העלדן־געזאַנג!“

מיר פאַרשטייען היינט פרץ'עס גריבלענישן און באַטראַכטונגען אַנדערש ווי פריער. עס שיינט, אַז ער האָט פאָראויסגעזעען די שוואַרצע כמאַרעס, וואָס וועלן זיך אָנזאַמלען איבער אונדזער פאָלק און אונדזער קיום. ער האָט אפשר אויך פאָראויסגעזעען די גייסטיקע ירידה פון אַ טייל פון אונדזער פאָלק דאָ און דאָרט.

און איז יידישקייט: די יידישע וועלטאַנשויאונג, וואָס זוכט איר פאַר־קערפּערונג אין דער מאַטעריע, אין וועלכער זי שלאָגט זיך אָפּ אין דער יידישער נשמה, זענען ביידע — מאַטעריע און נשמה במשך פון לאַנגע דורות וואַנדערונג פון אַזיע, אַפריקע, דרום-איירָאָפּע איבער פוילן, רוסלאַנד און ליטע ביז דאָ אַהער צו דער טעמזע נישט געבליבן סטאַטיש. האָט די נישט יידישע וועלט אַדורכגעמאַכט פאַרשידענע קולטור־פעריאָדן, האָבן אויך מיר יידן אויף אונדזער שטייגער (באַאיינפלוסט און נישט באַאיינ־פלוסט פון דער גוישער סביבה) אויך געהאַט אונדזערע פאַרשידענע און באַשטימטע קולטור־פעריאָדן.

אין יעדער קולטור־עפּאָכע שפּילט אַ גרויסע ראָלע אַ קולטור־פאַקטאָר, וועלכער איז דער ערשטער און לעצטער פאַרמיטלער פון יעדער וועלט־פאָלקס-און קולטור־אידעע, — דאָס איז שפּראַך. אין די לעצטע 250 יאָר איז צום אָנהויב אַביסל שעמעוודיק און באַשיידן, דערנאָך זעלבסטפאַר־שטענדלעך און קעמפעריש, יידיש אַריינגעטרעטן אַלס קולטור-פאַקטאָר, און פאַרמיטלער. יידיש איז געווען די „מאַטעריע, די געשטאַלט, וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין דער יידישער נשמה.“

די יידישע יוגנט איז געשטאַנען דאָרט וואו יוגנט ביי אַלע רעגענע־רירטע פעלקער איז געשטאַנען — אויף דער זייט פון די, וואָס שאַפן און ווירקן: אויף דער זייט פון די וואָס רעוואָלטירן קעגן גייסטיקע קנעכטשאַפט. יידישע יוגנט איז געוואָרן שטאָלץ און זעלבסטבאַוואוסט, ווען פלוצים ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן ס'איז ענטשטאַנען און אויסגעוואַקסן אַנ'אָנגעזעענע קולטור-באַוועגונג.

און פרעגט מען: וואו שטייט דאָ די יידישע יוגנט? קען מען ענטפערן: אומעטום און אין ערגעץ נישט, אָבער באַשטימט נישט ביי אונדז. די יידישע יוגנט האָט נישט קיין השגה, וואָס דאָס איז אַזוינס יידישע פאָלקס־נויט און קולטור־נויט. יידישע יוגנט האָט קוים אַ באַגריף,

אַז עס עקזיסטירט אַ יידישע קולטור און אַ רייכע יידישע ליטעראַטור, אויף וועלכע מען קען זיין שטאָלץ. יידישע יוגנט ווייס נישט אָדער ווייס נאָך נישט גענוג, אַז מיר שטייען איצטער אין אַ פעריאָד, ווען מיר מוזן באַשאַפן, ווי פרץ האָט געזאָגט: „אינסטיטוטן פון אָפּוועך צום פאַרהיטן, און צום שיצן — זיך און די אירעקע."

און ווען ס'איז אמת, אַז די יוגנט האָט פון דעם אַלעם נישט קיין השגה, טאָר מען נישט שרייען און לאַרעמען און אָנקלאָגן: „די יוגנט אַנטלויפט און ווערט אָפּטריניק." די יידישע יוגנט איז נישט געוואָרן דערצויגן צו רעספּעקטירן און אָפּגעבן כבוד צו די שאַפונגען און לייסטונגען פון זיינע גייסטיקע קעמפער, דיכטער און פאָלקטוערס.

אין נאָרמאַלע און אין איבערנאָרמאַלע צייטן האָט אין יעדן יידישן ישוב אין אייראָפּע יידישע יוגנט גענומען אַנ'אַנטייל אין יידיש־קולטורעלע און גייסטיקע ענינים; האָט געשטיצט און פּראָטעזשירט מער אָדער ווייניקער דאָס יידישע ליד. פּרעסע, ליטעראַטור, קונסט און טעאַטער. יידישע יוגנט איז געוואָרן געטראָגן פון כוואַלעס פון אידעאַליזם אויפאָפּפערונג און מסירת נפש פאַרן לעבעדיקן יידישן וואָרט. פאַר אַ יידיש קולטור-אידעאַל.

און אפשר איז טאַקי אונדזער משה עובד, דער מענטש, דיכטער און פילאַנטראָפּ, גאָטזוכער און וועגזוכער געקרעכט מיט דעם אַרויסגעבן פון זיינע לעצטע שירים אונטער דעם טיטל „אין חדר אַריין". ווען יידישע יוגנט שטייט היינט אין ערגעץ־נישט און אומעטום, איז דער עלטערער דור אָדער אפשר גאָר צוויי דורות שולדיק. זאָלן זיי אַלע, די אַלטע און די יונגע און די פּיטשעווידיקע דערצו גיין „אין חדר אַריין", און אָנהייבן מיט אלף. לאָמיר אַלע צוזאַמען, זיי און מיר, מיר און זיי לערנען, זינגען און קנעלן, וועקן די געזונטע גייסטיקע כחות, וועלכע זענען נאָך פאַרבליבן ביי דער יוגנט.

און לאָמיר זינגען „אויפן הויכן הר השירה" צונם בוך „אין חדר אַריין" מיט דעם בעלפער און מיט די בני ישראל:

„מיט דער הילף פון שמות און אותיות אַרויפגעדראַפּעט,, אַרויפגעקלעטערט,
זיי זאָלן הערן אַ בשורה פון זייער פאָלקס יצירה —
זייער עצבות און לצנות אויף אייביק הויערענדן באַרג ווערט צושמעטערט.
„און זיי האָבן פון דער הייך נוט געהערט,
אירע זינגענדע רייד מיט זייער האַרץ-קלאַפּ באַגלייט,
ווי שבת־אויבס עס פאַרציקט און פאַרצערט
מיט דער בענטשונג פון פייערדיקע פרייד.
„אַ פייערדיקע פרייד, וואָס האָט צוזאַמענגעשמאָלצן ווי ס'שופר של-משיח שאַלן
דעם צובראָכענעם צוברעקעלטן ישראל,
און געמאַכט פון אים אַ פעלז, אַ מאָנומענטאַלן
פון געלייטערטען פריילעכן קריסטאָל."

און די פראַגע בלייבט נאָך אָפן: „וואו שטייט די יידישע יוגנט?"



ס. פּאַלמע

# משה עובדן

(ווידמונג).

דעם יובילאַר און דיכטער־יואוועליר,
דעם וואָס האָט אויף צייט'ס רויטער שניר
אויפגעצויגן זעכציק זינגענדיקע יאָרן,
און די יאָרן
ווי אַ גאָרן
פון לייטער־שטאַפּלעך אָנגעקליבענע;
מיט אותיות גאָלדענע אָנגעשריבענע,
זענען מעשים שיינע,
קריסטאָל־ריינע,
זינגענדיקע מעשים אויסגעצערטלטע,
געשליפענע, געווערטלטע,
געמאָסטן און געוואויגענע,
מיט סאַמעט-ווייכקייט אָנגעזויגענע,
אָט-אָ, דעם — מיין מתנה!

דעם יובילאַר און דיכטער־יואוועליר —
אַ גאָלדענע שניר
מיט עכט־דיכטערישע קאַפּריזן,
קליינע און אויך גרויסע, ווי די ריזן;
אָבער אַלץ צוזאַמען:
סאַי זיין תחינה־ניגון פון דער מאַמען,
סאַי דער פּאַטאָס פון זיין „אלף-בית" „אין חדר"
נאָך איידער
ר'ווערט אין גאַנצן אין אונז פאַרגעסן
און פון יאָרן לאַנגע אויפגעפרעסן...
זענען כשוף־קלאַנגען
פון געזאַנגען;
ווי די עכאָס פון דורות לאַנג פאַרלוירענע,
דאָך באַגינעדיקע ניי־געבוירענע,
זינגענדיקע עכאָס צאַרטע
פונם חדר און די בענקלעך האַרטע...

מיין מתנה — דעם יובילאַר און דיכטער־יואוועליר,
אינם נאָמען פון מיר

און דיר
און טויזנט אַנדערע אַרום,
אַנשטאָט אַ בלום —
אַ לויב־געזאַנג פאַרן זינגען
ווי דער טרובאַדור ניט באַדינגען...
ניט אויסלאָזנדיק אפילו „גענזעלעך און שמאַלץ אויף פסח“...
אָבער ווייסן — ווייס־אַך,
אַז אַלץ און יעדעס, זענען דיכטערישע אַקאָרדן שיינע,
קריסטאַל־ריינע,
ווי עס פּאַסט פאַר דעם יובילאַר און דיכטער־יאַוועליר —
משה עובדן, מיין קאָלעגיאַלע און חבר׳ישע מתנה!

## י. ביעטש

## דער אויפגעקומענער „לענדלאַר“

(די סקיצע געווידמעט משה עובדן צו זיין 60־סטן געבוירנטאָג)

אין איינעם פון די לעצטע טעג פונם חודש תמוז — אינם יאָר טויזנט ניינהונדערט אכט... די זון האָט אונרחמנותדיק געגאָסן פייער אויף די גרויסע וועלטס שטאָט לאָנדאָן. טויזנטער פענצטער זיינען געשטאַנען אָפן און פון די האַלב פאַר׳חלוש׳טע שטיבן האָבן מידע קעפּ געבעטן אַ ביסל לופט. פון די מיט זון אָנגעפלאַקערטע ווענט, פון די לאַנגע שורות מיט הייזער האָט געשפּריצט אַ מוראדיקע היץ אויף די גאַסן און אויסגעשטראַלט אַ שטיקנדע וואַרעמקייט, וואָס ס׳האָט געמאַכט שווער דעם טראָט אויף די הייסע שטיינערנע אַספאַלט טראָטואַרן. אָפּגעלאָזט און שווער גייען די מענשן און ווישן פונם פּנים דעם שווייס ברומנדיק: אוי ווי הייס, אַזוי הייס; שטויב... רעש... און שווייסיקע מענטש־לייבער האָבן זיך צוזאַמענגעמישט אין דעם געדראַנג פון פערד, אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן זיך טעמפּ באַוועגט אין דער ברענענדיקע שווערער היץ...

אין אַזאַ הייסן זונטאָג איז משה קלינגערמאַן, דער שפּעטער געוואָרענער מאָרים ווייזמאַן געקומען אין דער ריזיקער גרויסער שטאָט. ער איז געווען אַ יונגערמאַן פון עטלעכע צוואַנציק יאָר, קליין געוויקסיק, מיט קרומע לויפנ־דיקע אויגן, דאָס מען האָט קיינמאָל נישט געוואוסט אויף וועמען זיי קוקן און זיינען תמיד געווען פאַרנעפּלט, אַזוי ווי אַ ווייסע פּאַרע וואָלט זיי איבער־געצויגן, מחמת דעם פלעגט ער אַלעמאָל רייניקן די גלעזעלאַך פון זיינע ברילן ווי זיך צו באַפרייען פון עפּעס נישט קיין אַנגענעמע זאַך.

אויפן וואָקזאַל איז ער אַ ווײַלע געבליבן שטיין ווי באַטויבט פון די אָפּנייענדיקע און אַלעמאָל אָנקומנדיקע פּאַסאַזשירצוגן, וואָס האָבן אריינ־



געגומען, דערנאָך אויסגעשפּיגן גאַנצע וואַגאָנעס מענטשן. זיך לאָזנדיק מיט אַ שנעלן אימפּעט ערגעץ אַוועק. קלינגערמאַן האָט זיך ארומגעקוקט אַזוי ווי זוכנדיק עמיצן, דערביי געקלערט אפשר וועט ער דערזען וועמען פון די היימישע און באַקאַנטע. כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז נאָר אַן אומזיסטער וואונש, וואָס האָט זיך צופעליק אריינגעכאַפּט אין זיין דאַנק... פאַרטיפט אין זיינע רעיונות האָט ער געשפּרייזט צווישן בערגער פון קאַסטנס וואַליסן פון כל המינים, זוכנדיק זיין באַגאַזש, און איז איינ־מאָל שיעור געוואָרן אומגעוואָרפן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָ איז דער קאָכעדיקסטער און לעבעדיקסטער פונקט פון די גרויסע שטאָט. און טאַקע פאַרוואָס זאָל ער נישט געפינען דאָ אַ באַקאַנטן צווישן אַזויפיל דורכ־לויפנדע מענטשן. ער איז געבליבן שטיין מיט דעם געדאַנק ווי פאַרגלייוערט אין אַ ים פון געפּעק, און פלוצים דערפילט, אַז ס׳איז אַריינגעפאַלן אין דעם גרעסטן רעש פון דער וועלט; עס האָט אויף אים אַ בלאָז געטאָן מיט טרויער, און דערשפּירט דעם ווייי פון נע־ונדיקייט. אַז ס׳איז אים אַזש באַפאַלן אַ פחד פאַר דער גרויסער שטאָט.

אַ ניי רוישיק לעבן האָט זיך פאַר זיינע אויגן געעפנט און אַ נייע וועלט. אַ וועלט וואָס עד האָט פון איר קיין אנונג נישט געהאַט. דאָס האָט אים אַזוי באַרוישט, אַז ווען ער איז נאָך פיל מאַטערניש און שטופּעניש אריין אין אַ דראָשקע מיט זיין קליין וואַליסקעלע האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אין זיין האַנט אויסגעשטרעקט דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט די אָנגעשריבענע אדרעס צו זיינעם אַ קרוב. אַזוי איז ער געבליבן זיצן אָנגעלענט אויף די רעם פון טירל, און דורך זיינע האַלב פאַרמאַכטע אויגן דערזען די רחבותדיקע לאָנקעס פון זיין פאַרלאָזטע היים, וואָס האָבן זיך ווייט געשפּרייט. דאָס הייזל וואו ער איז דערצויגן געוואָרן, האָט ביי אים איצט אויסגעזען ווי אַ שוואַרצער פלעק. נעבן דעם דערבייאיקן טייכל, וואָס ציט זיך ווי אַ טונקל גרינער פּאַס, שטיל און פויל, דורך די ברייטע לאָנקעס ערגעץ אַוועק. ס׳האָט אים גע־שטוואונדערט וואָס ער האָט דאָס קיינמאָל נישט באַמערקט. אַ טיפע בייִנקשאַפט האָט אים ארומגענומען. נאָך זאַכן, וואָס ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן און איצט איז אים אַ שאָד וואָס ר׳האָט זיך פון זיי געשיידט. פאַר זיינע אויגן האָט גענומען שווינדלען די לאַנגע גאַסן, וואָס האָבן זיך קרום געדרייט און פאַרלוירן געגאַנגען אין אומבעקאַנטע ווייטקייטן... אין זיינע אויגן האָט גע־זשומעט פונם טומל און דער מענטשן געלויפעריי פון איין טראָטואַר צום אַנדערן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז אָט, אָט, לויפן די פערד און וועגענער אויף זיי אַרויף. נישט קיין היימליכע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיין מחשבה, ווען די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קליין שמאָל געסל וואָס ס׳האָט ווייט נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק, כאָטש ס׳איז געווען אַזאַ שיינער טאָג...

דאָס געסל האָט געהייסן [illegible] — דאָס געסל סאַנט ענס קוירט, וואו זיין קרוב האָט געוואוינט איז נישט ווייט פון בראַד סטריט, בערוויק סטריט, די דאַמאָלדיקע געדיכט באַוואוינטע

געגענט אין די וועסט. דאָ האָט מען געקענט טרעפן לאַנדסלייט באַגעגענען א היימיש מיידל. קריגן אַרבייט. עס האָט זיך ביי די יונגע מענטשן, די גרינגע ווי מען האָט זיי׳ קערופן, שטאַרק געמערקט דער דראַנג צו ווערן אַ לייט, וואָס ס׳איז באַשטאַנען פון אַרבייטן איבער די כחות און שטעלן אויף פערדלעך... רייסעס... אין דעם וועסט ענד, איז געווען אַ יידישער שניידער פאַראיין... טרייד יוניאָן... אויך אַ יידיש סאָציאַל דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט תמיד געפירט היציקע דיסקוסיעס מיט דער אַנאַרכיסטישער גרופּע...

איינמאָל אין אַ אָוונט בעת אַ פאָרטראַג אינם פאַראיין איבער די פערזענלעכקייט פון שעקספּיער און זיין שאַפן האָט מאָרים ווייזמאַן אויפגעכאַפּט די ווערטער: „טו בי אָר נאָט טו בי“ — זיין אָדער נישט זיין... דער באַטייט פון די ווערטער האָבן אים קיין מנוחה נישט געגעבן און געמאַכט אומגעדולדיק. ס׳טרעפט אַמאָל, אַז איין קליינער שטויס פון עפּעס אינם מענטשנס לעבן, ענדערט זיין גאַנצע ריכטונג אין לעבן. די ווערטער האָבן אים געגעבן דעם שטויס צו זיין ציל...

אויף דעם זעלבן אָוונט האָט מאָרים ווייזמאַן צופעליק זיך באַקאַנט מיט אַ יונג מיידל און זיך מענטשלעך פאַרליבט. גערופן האָט מען איר קלאַראַ די שטיפערקע, מחמת דעם וואָס אַ סך יונגע לייט, האָבן תמיד אַרום איר זיך געקליבן. זי איז געווען אַ יאָר צוואַנציק, אויך פון קליינעם וואוקס אַ פּעמקעוואַטע. און צוליב די אָוונטן געטראָגן אַ זיידן געבלימט קליידל, וואָס ס׳האָט פון איר טענצלדיקן גיין, זיך געוויקלט אַרום איר קיילעכדיקער פיגור. אַ רויז קאָלירט בלוזקעלע מיט די גאָלדענע קנעפּעלעך האָבן שיין געפּאַסט צו איר שטאַרקע און פולער ברוסט... אירע שטענדיק לאַכנדיקע אויגן זיינען געווען ווי פאַרשיכורט פון פרייילעכקייט, פון שטיפעריי, זיי האָבן געפלאַמט געגריסט און טיף אין זיין נשמה זיך אָנגעהאַנגען. ווייכע סאַמעטענע שוואַרצע האָר געפלאָכטן אין צוויי לאַנגע צעפּ מיט אַ רויט סטענגעלע אַרומגענומען, אַז עפּעס אַ באַזונדערע צאַרטקייט איז געווען אויף איר אויסגעגאָסן. זיינע געדאַנקן זיינען געווען ווי צומישט פון איינגעקנעטענער תאווה, וואָס ס׳האָט זיך צופעליק אין זיין האַרץ אריינגעגנב׳ט און געהאַלטן אים ווי מיט שטריק געבונדן. זיין לאַנגער חלום פון פאָרן קיין אַמעריקע איז ביי יעדן באַגעגעניש מיט דעם מיידל, אַזוי ווי אַ בערגל שניי פון אַ בריענדיקן זונענשטראַל אין וואַסער צערונען.

מאָרים ווייזמאַן פלעגט אָן אומרואיקער וואַרטן אויף די אָוונט שעה׳ן, ווען ער האָט מיט קלאַראַן שפּאַצירט אויף די רייכע שטאַרק באַלויכטענע גאַסן פון רידזשענט סטריט, פּיקאַדיליע און זיך אויסמישן מיט די יונגע מענטשן, וואָס זיינען געקומען צו פאַרברייננגען אָן אינטענסיוון און פולן לעבן. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז יעדעס האַרץ טראָגט מיט אויף די גאַס עפּעס אַ סוד, און טראָגט ער דען נישט מיט זיין סוד, וואָס מישט זיך אויס אין דעם ים פון אַזוי פיל שפּאַצירנדיקע מענטשן... ס׳איז אים געקומען אויפן



רעיון, אַז אַלץ הענגט אָפּ אינם מענטשנס רצון און ביי זיך באַשלאָסן, אַז ר׳מוז זיך דערשלאָגן צו אַ תכלית, „זיין אָדער נישט זיין“. ער האָט זיך מיט אַן אימפּעט פון אויפבראויזנדיקער ענערגיע זיך אריינגעוואָרפן אין דעם יאָגנדיקן שטראָם נאָך עפּעס וואָס ס׳איז פאָראויס געווען נעפלהאַפט.

דער זומער איז אַוועק. עס איז אָנגעפאַלן די הערבסט נעכט מיט די גרוילעכע נעפלען, וואָס ס׳האָט זיך געלייגט איבער די לאַנגע קרומע גאַסן, באַדעקט די הייזער און אָנגעטראָגן אַ נאַסן קאַלטן אומעט. אין אַזוינע אָוונטן האָט מאָרים באַין אופן נישט געקענט באַפרייען זיך פון אַריינטראַכטן אין די שטויביקע לעבנספּירונגען, וואָס האָבן זיך געפלאָנטערט אין זיין קאָפּ. אַמערגסטן האָבן אים דערעסן די לאַנגע ווינטער נעכט, זיצנדיק אין „אויפסנאַם שטוב“ וואו קלאַראַ האָט געוואוינט ביי אירס אַ מומע, וואָס האָט תמיד מיט איר איינגעטענה׳ט, אַז דאָס לעבן באַשטייט פון געבן קאָנצעסיעס, אָפּנייגונגען און גייט אַוועק אויף אייביק. אַזוי ציט עס זיך פון דור צו דור. גלויב מיר אַז אַלע ראָמאַנסן איז נישט מער ווי אַ זיסער חלום, וואָס מען זעט פון דערווייטן, אַ פאָרשטעלונג, אַ מיראַזש. צו וואַרטן אויף דעם פּערפעקטן מענטש דאָס האָט נאָך קיינער נישט דערגרייכט און וועט קיינמאָל נישט זיין. דערביי צוגעשאָקלט מיט איר קלוגן און שיינעם קאָפּ. זי האָט געוואָרפן אַ שאַרפן בליק אויף די צוואַנציק יאָריקע קלאַראַ און געליבן הענגען אויף די פאַלדן פון איר קלייד... דאָס שטילקייט פונם מיידל האָט איר מומע אָנגענומען אַלס צייכן פון נאָכגיביקייט. כאָטש קלאַראַס יונגע נאַטור האָט אינערלעך פּראָטעסטירט פאַר אָוועקנעמען דאָס רעכט אויף אויסקלויב, האָט זי לסוף דאָך חתונה געהאַט מיט ווייזמאַן.

עס זיינען אַוועק אייניקע יאָר, די פאַמיליע האָט זיך פאַרגרעסערט. עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן שווער. די לאַנגע אַרבעטס טעג האָבן אים דערעסן און אַרום זיין נשמה האָט זיך געוויקלט אַ שטילער טרויער. ביינאַכט אויפן געלעגער פלעגט ער שעה׳ן לאַנג וואַך ליגן און טראַכטן וואָס וועט זיין דער סוף. ער האָט געזוכט וועגן וויאַרום עס זאָל קומען בעסערס און ביי זיך באַשלאָסן צו ווערן אַ לענדלאָר, לכתחילה קליין דער נאָך גרעסער. און דאָס לאַנגע באַקאַנט שפּריך־וואָרט, אַז יעדער טראָגט זיין לעבן אין זיינע אייגענע הענט. קען מען מיט רעכט געזאָגט ווערן אויף מאָרים ווייזמאַן... ווייל קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען און ווי אַזוי, באַלד ווי די ערשטע וועלט מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט איז ער מיט אַמאָל געוואָרן אַ „פּראָפּעטי דילער“ „הייזער הענדלער“. אַ סך פון זיינע באַקאַנטע האָבן געחוזקט, אָט גייט דער קליינער לענדלאָרד. אַנדערע האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ אַזוי ווי זיי וואָלטן באַהאַלטן אין זיך עפּעס אַ סוד און אונטערגעברומט, אַז דאָס האָט ער די מלחמה יאָרן צו דאַנקען.

מאָרים ווייזמאַן האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט פון זיין פריערדיקן לעבן, פון פריינט און באַקאַנטע. ער האָט מיט אַ ווילדן אימפּעט זיך אריינגעוואָרפן אין דעם יאָגעניש נאָך געלט און כבוד דער ניי אויפגעקומענער

לענדלאר איז גרייט געווען צו טון די גרעסטע מיאוסקייטן און עוולות, כדי איבערצושטייגן זיינע נייע פריינט די ביזנעס לייט. ער האט מיט אמאל באקומען צוויי קולות איינס א גראב בעת ער רעדט מיט זיינע איינוואוינער וועגן דירה־געלט און סתם מענטשן, דאס צווייטע א ווייך דין חניפהדיקס — פאר רייכערע פון אים.

עס איז אים געגאנגען גוט און יעדעס יאר איז צוגעקומען מער הייזער. דורך דעם איז אין אים אלץ שטארקער געוואקסן דער תקיף. ר'איז געווארן א גאנצער גלייך-ווערטל זאגער און אליין געלאכט פון זיינע מאדנע נארישע איינפאלן. אפילו זיין טראט איז אנדערש געווארן, קליינינקע אפגעמאסטענע טריטלעך ווי עס פאסט פאר א לענדלארד. קלארא, דאס ווייב זיינס האט דורך די צייט געקראגן א שיין גוידערל און געווארן קיילעכדיקער און שווע־רער. באהאנגען מיט צירונג און מיטן מאפסיק ארטיק הינטל וואס פלעגט תמיד איר נאכלויפן האט געמאכט דעם איינדרוק ווי זי האט א באזונדערן פארגעניגן פון זיך אליין.

אנדערש איז געווען ווען ער האט באגעגנט א היימישן מענטש, האט ער מיט זיינע קרומע פארזשמורעטע אויגן אים באטראכט אזוי ווי ער דער־זעט אים דאס ערשטע מאל. דערביי ארויפגעצויגן די לייקענע הענטשקעס, גוט אויסגעווישט די גלעזלעך פון זיינע ברילן און זיך עפעס פארטראכט: דאכט זיך פריער געקומען פון מיר הא? און דאך געבליבן דער זעלבער. אמת דער האנדל מיט הייזער איז א מיאוסער מסחר, שטענדיק פארביזיוועט, מען מוז צומויערן, אונטערמויערן, פארבן, דעקארירן, היינט די אינספעק־טארס, די לאדינישן, עס איז א נאריש לעבן. און פון דעסטוועגן ביסט די א שוטה, גיסט אוועק צייט, געלט אויף נארישקייטן, וואס דו ווילסט נאך אלץ פארזארגן די וועלט. מילא איבעראנדערשן אלעס וואלט איך אפשר פארשטיין, אבער פארזארגן די וועלט? נישט דיינע כחות. פאלג מיך, קויף א פאר הייזער און זיי א מענטש, ווי זאגט שעקספיער: „זיין אדער נישט זיין". איך האב ערשט נעכטן געקויפט דריי שטיק און היינט געכאפט א פאר פון די אמתע קנאקערס. דו פארשטייסט איך האלט פון עקאנאמיע, אז קויפן הייזער איז דריי שטיק מיט אמאל, אויב עס איז נאר דא עפעס צו קויפן. דאס זעלבע איז מיט קליידונג און באשוכונג. דערביי ארויסנעמענדיק דעם זייגער פון זיין וועסטל קעשענע וואס איז געווען אנגעטשעפעט צו א גאלדן קייטל מיט אן אראפהענגער פון צוויי גאלדענע פונטן, געגעבן א קרומען קוק, נו עס איז שוין שפעט. האב מיר א גוטן טאג, די לעצטע ווערטער זיינען געזאגט געווארן מיט אזא טאן, אז ס'האט געמאכט דעם איינדרוק: משטיינס געזאגט מיט וועמען עס איז דא צו ריידן.



start here

א. נ. שטענצל

# ביים ים

(סאנעטן)

.1

קומענדיק צו א נאנטן, צו א גוטן פריינט,
פון פולן הארצן פאר אים זיך אויסצוריידן,
און יענער גאר נעמט דערציילן זיינע ליידן,
ער דערציילט, דערציילט ביז ס'הארץ אין אים זיך צעוויינט, —

אן אויפגעבראכענער קוואל וואס געווען פארשטיינט! —
און דערקוויקנדיק־גוט ס'ווערט דערפון זייביידן,
נענטער נאך איינער פון אנדערן צו שיידן,
און זיך שיידנדיק נישט צו בלייבן אליינט.

תמיד אזוי־א געוועזן פאר מיר דער ים,
פון זיין שטילסטן לאשטשע נאך כ'האב פארשטאנען:
צום גרעסטן צער א טרייסט נאך איז פאראנען,

ווען מיט א נאנטן פריינט נאר מ'קומט זיך צוזאם!
אבער היינט נישט לייכטער ס'ווערט מיר, נישט אויף א ווייל,
צומאל פון זיין שוימיקסטן פלייציקסטן דערצייל.

.2

וואלט איך נאר אנגעהויבן צו דערציילן
פון אונזערע ליידן, א ביסעלע בלויז,
פון אונזער בראך געוואלטיק אזוי און גרויס,
אויף קיינמאל שוין נישט מער זיך אויסצוהיילען; —

היילנדיקע ים־הינט מיט ווילדן איילן
וואלטן זיך געריסן פון מיין האלדז ארויס!
דער ים מיט זיין בייזן געברויז —
א צעכוואליעטער אויף הונדערטער מיילן!

וואלט איך נאר געקענט אנהויבן אצינד
צו דערציילן פון אונזער געליטענעם פיין,
דער ים, מיטן זיין געברויז, געבליבן וואלט שטיין.

אָ, דער צער פון איין אומגעקומענעם קינד,
פון מאַמעס ברוסט צום קוילען אַוועקגענומען!
און טויזענטער זיינען אַזוי אומגעקומען — — —

.3

מיט שוים אויף זייערע גסיסה־ליפּן
זיי פאַלן צו און שטרעקן זיך אויס,
אַ לעצטער כאָרכל, אַ צאַפּל בלויז,
אַן איבערגעריסן דערשטיקט כליפּן,

צווישן די ציין נאָך אַ דורכצוזיפּן;
און ווי מאָדנע, ווי געוואַלטיק גרויס,
זיי שטאַרטשען דאָס צעבראָכן אַרויס,
די אויסגעצערטע קנאָכיקע ריפּן.

ניין, ס'איז נישט אַרום ים דער זאַמדיקער ברעג —
גסיסהדיק געל און אומבאַוועגלעך שטרענג,
הרוגים אויסגעצויגן אין גאַנצער לענג — —

און צו זייער פאַלן נעמט גאָרנישט קיין עק!
און איך צוקאָפּנס אויף לענשטול גאַנצע טעג,
אויף שבעה־בענקעלע אָן מינדסטן באַוועג.

.4

מיט מיינע הענט כ'פלעג אים קענען אַרויסהויבן
דעם צעשטורעמטן ים פון זיין פינסטערסטן תהום;
מיט אַלע זיינע טראָפּן, אַן אָנגעזאַפּטער שוואָם,
הענגען בלייבן אין זון אַ הענגל מיט טרויבן;

דעם אַרום מיט אַ געהירזשע צו פאַרטויבן,
אַרויפגעכאַפּט זיך אויף כוואַליעס רייטנדיק דיבאָם,
איבער־גאָרער וועלט יאָגנדיק ווילד און כאָדאָראָם — —
פון אונטער די טלאָען — די צעשפּריצטע שטויבן!

אַ זייפן־בלאָז צעפינקלט אין שלל פון קאָלירן
פון אַ שטרוי אים וואונדערלעך אַרויסגעבלאָזן!
אָ, דאָס שפּיל מיטן ים ווי פאַרשייט־צעלאָזן — — —



און אַצינד, אינם טרויער פון מיינע געהירן — —
אויסגעטריקנט אינגאַנצן ער וועט נאָך ווערן,
ווען כ'וועל אים נישט אָנפילן מיט טריף פון טרערן.

.5

שווער הענגט דער הימל און דער ים צעגאָסן בליי,
און דאַצווישן אַ קאָפּ ווי פון ליים אויסגעקנעטן;
אַרויס און אַריין צווישן כמאַרעס, קוים מ'דערזעט'ן,
נאָר זיין געשעפּטשע אַזוי דייטלעך איך פאַרשטיי:

כ'ווייס מיט מיין כסדרדיקן כוואַליע געגיי,
כ'וועל קיין איינציקן שפּאַן־ערד נישט איבערטרעטן;
נישט ברויזנדיק כעסן, נישט הכנעהדיק בעטן —
מען פאַרהילכט בלויז דעם וויי מיט אייגענעם געשריי!

אָבער מיין אַרבעט, מיין שווערע, מיין אומגעהויערע,
דאָס ווייס איך, זי וועט נישט און קען נישט פאַרלוירן גיין — —
אָ יעדער טראָפּ מיט מיליאָנען לעבנס פול צו זיין!

מיין צאַפּל אָן אויפהער — פון זייער גסיסה־מורא!!
אָבער פון די פּגרים פאַלנדיק טיף אויף מיין דנאָ,
אַ נייע ערד וועט אַמאָל באַשאַפן ווערן דאָ — — —

.6

וואָס איז דען ים? אַזויפיל און אַזויפיל טראָפּן;
און וואָס איז דען דער בלויער הימל פון אויבן?
אַ כמאַרע וואָס ווערט געלייטערט און דערהויבן — —
ס'איז ווי אַ טראָפּ פון בלוט, וואָס הערט נישט אויף צו קלאַפּן!

וואָס איז דען די ערד מיט איר שווינדלדיק גאַלאָפּן?
אַ גאַנצע צו ווערן מיט זעמדלעך און שטויבן,
ווי דער מענטש מיט זיין ביסל האָפן און גלויבן
און מיט כסדרדיקע אַרויף און אַראָפּן — — —

אָ, אונזער זידיק בלוט איבער גאַנצער ערד,
פון לאַנד צו לאַנד אַזוי כוואַליענדיק געפלאָסן,
און אומעטום און תמיד אומזיסט פאַרגאָסן,

ביז אַ געלייטערטע אַ גאַנצע זי ווערט — —
אָ, אַז אַ הארץ, אַ קלאַפּעדיקס, זי זאָל באַקומען — — —
איז עס לבנה אין וואָלקנס? האָט'ס טאָגן גענומען?

.7

עס טרעט עמעץ־ווער אַ בויגן שטייף און געשפּאַנט, —
אַן אַנגעצויגענער צום פּלאַצן ער ציטערט! —
פון די אָפּגעפלויגענע פיילן עס גליצערט
דער שטרייף, וואָס בינדט בײדע בויגן־עקן ביינאַנד.

כאַטש אַראָפּנעמען אים מיט דער בלויזער האַנט, —
אינגאַנצן אַזוי ווי ר׳איז ליכטיק צעפליטערט! —
פון די כוואַליעס אַראָפּ אויף פּיצלעך צעשפּליטערט,
דעם בלייכן זילבער שטרייפן אויפן הימל־ראַנד.

— — — — — — — — — — — — — — —

כ׳נעם אים מיט מיר דעם בלייכן זילבער שטרייפן, —
די סעפּטעמבער הימלען אַן אויפגאַנג און אַן זונען!
אין מיינע פינסטערנישן אים אַריינגעשפּונען;

איך נעם אים מיט איצט אַלצדינג שוין צו באַגרייפן:
יאָ, עס לייכטן אויף די מרה־שחורהדיקסטע פאַלטן,
ווען די געטראָפענע פייל אין זיך מ׳קאָן באַהאַלטן.

באַרנמוטה, סעפּטעמבער, 1945

## דאס לויב-געזאנג פון דער חכמה

(אַ פריצייטיק פרי׳לע אויס דער ערשטער איבערזעצונג אויף יידיש פון בן־סירא.—אַ מתנה משה עובדן צו זיין 60־סטן געבוירנטאָג.)

די חכמה לויבט זיך אַליין, און רימט זיך צווישן איר פאָלק. זי מאַכט אויף איר מויל אין דער עדה פון גאָט, און לויבט זיך פאַר זיין גבורה:

איך קום אַרויס פון אויבערשטנס מויל, און באַדעק די ערד ווי אַ וואָלקן. איך וואוין אין די הויכע הימלען, און מיין טראָן איז אינם עמוד־הענן. איינע אַליין קרייז איך אַרום דעם גבול פון די הימלען, און וואַנדל אין דער טיפעניש פון די תהומות. אויף די כוואַליעס פונם ים, איבער דער גאַנצער ערד, און צווישן יעדן פאָלק און שבט האָב איך מיר דערוואָרבן אַן אייגנטום. ביי זיי אַלע האָב איך געזוכט מנוחה און אין וועמנס ירושה איך זאָל איינשטיין!

דעמלט האָט דער בורא פון אַלעם מיר באַפוילן; און ער, וואָס האָט מיך באַשאַפן, האָט געמאַכט רוען מיין געצעלט, און געזאָגט, אין יעקב׳ן זאָלסטו וואוינען, און דיין ירושה זאָל זיין אין ישראל.

אין אָנהויב האָט ער מיך באַשאַפן פאַר דער וועלט; און איך וועל אויף



אייביק קיינמאָל נישט שטאַרבן. אינם הייליקן משכן האָב איך געדינט פאַר אים; און אָט אַזוי בין איך געוואָרן געגרונטפעסטיקט אין ציון. ער האָט מיך געמאַכט רוען אויך אין דער געליבטער שטאָט; אין ירושלים איז געווען מיין ממשלה. איך האָב מיך פאַרוואָרצלט אין אַ הערלעך פאָלק, אינם חלק פון גאָטס ירושה.

ווי אַ צעדער אין לבנון בין איך געוואַקסן, און ווי אַ ציפּרעס אויף די בערג פון חרמון. איך בין געוואַקסן ווי אַ פּאַלמע ביים ים-ברעג, און ווי רויזנפלאַנצן אין יריחו, ווי אַ שיינער איילבירט אינם פעלד; און בין געוואָרן גרויס ווי אַ קאַשטאַן־בוים.

ווי צימרינג און טייערע בשמים האָב איך געגעבן אַ ליבלעכן ריח; ווי געקליבענע מירע פאַרשפּרייט אַן אנגענעמען גערוך, ווי חלבונה, און אַניקס און סטאַקטע, און ווי דער ווייַרויך פון קטורת אין בית־המקדש.

ווי אַ טערפּענטין־בוים האָב איך אויסגעשפּרייט מיינע צווייגן; און מיינע צווייגן זענען צווייגן פון כבוד און חן. ווי אַ ווייַנשטאָק האָב איך געשפּראָצט מיט חן; און מיינע בליטן האָבן געברענגט פּרוכט פון כבוד און עשירות.

קומט צו מיר, איר, וואָס גלוסט מיך, און זעטיקט אייך מיט מיינע פּירות. וואָרום דער זכר פון מיר איז זיסער ווי האָניק, און מיין ירושה מער ווי האָניק־וואַקס. די, וואָס עסן מיך, וועלן ווייטער הונגערן נאָך מיר; און די, וואָס טרינקען מיך, וועלן ווייטער דורשטן נאָך מיר. דער, וואָס געהאָרכט מיך, וועט נישט ווערן צושאַנדן; און די, וואָס אַרבעטן מיט מיר, וועלן נישט מאַכן קיין פעלער.

אָט דאָס אַלץ איז דעם אויבערשטנס בונד, די תורה, וואָס משה רבנו האָט אונז געבאָטן ווי אַ ירושה פאַר דער קהילה פון יעקב. זי איז פול מיט חכמה ווי דער טייך פישון, און ווי דער חדקל אין פרילינג; זי מאַכט פול דעם פאַרשטאַנד ווי דער פּרת, און ווי דער ירדן אין די טעג פון שניט; זי טוט אַנטפּלעקן לערנונג ווי דאָס ליכט, ווי דער גיחון ווען מען זאַמלט איין די ווייַנטרויבן. די קדמונים האָבן זי נישט פולשטענדיק געקאָנט; און פּונקט אַזוי וועלן די אחרונים זי נישט דערגרונטעווען. וואָרום אירע רעיונות זענען פולער ווי דער ים, און אירע עצות — טיפער ווי דער געוואַלטיקער תהום.

און איך בין אַרויסגעגאַנגען ווי אַן אויסגוס פון אַ טייך, און ווי אַ שטראָם אין אַ סאָד אַריין. איך האָב געזאָגט, איך וועל באַוואַסערן מיין גאָרטן, און אָנטרינקען מיין לאָנקע; און, זע, פון מיין פלוס איז געוואָרן אַ טייך, און פונם טייך — אַ ים.

איך וועל נאָך מאַכן לויכטן לערנונג ווי דער פרימאָרגן, און אַנטפּלעקן זאַכן אויף ווייטע מרחקים, איך וועל נאָך אויסלעערן לימוד ווי נבואה, און דאָס איבערלאָזן פאַר אייביקע דורות. זעט, אַז איך האָב נישט געאַרבעט נאָר פאַר מיר אַליין, נאָר פאַר אַלע, וואָס באַגערן חכמה.

פון גריכיש,

**א. אלמוג.**

משה עובד

# די דראַמאַטישע פּערזענליכקייט פון שלום אַש

(איבערלעבונגען)

אויף דער צוואַנציק יעריקער שלום־בריק — די שלום־בריק וואָס האָט זיך געצויגן פון דער ערשטער צו דער צווייטער וועלט־מלחמה — האָב איך זיך פיל מאָל באַגעגנט מיט שלום אשן — אין פּאַריז, אין לאָנדאָן און אין ירושלים; און מייך באַוואונדערונג פאַר זיין דראַמאַטישער פּערזענלעכקייט האָט געשטיגן מיט די יאָרן.

איך געדענק זייענדיק אין פּאַריז, אין דעם לעצטן טאָג פון דעם שלום שוואַרצבאַרט פּראָצעס, האָב איך אשן געטראָפן זיצן ביים קאַפע־דע־דאם באַלאַסטעט מיט שווערן פּאָלקס־טרויער, גלייך ווי אַלע יידישע טאַרבעס וואָלטן געלעגן אויף זיינע פּלייצעס און וואָלטן אַראָבגעהאָנגען פון זיין נאָז, אויערן און פון זיינע אויגן־דעקלעך . . .

דעם זעלבן אויפדערנאַכט נאָך שוואַרצבאַרטס באַפרייאונג איז ביי אַשן אין הויז געווען אַ פאַרזאַמלונג פון דער פּאַריזער פּני, וגם אני בתוכם. ס׳זיינען געהאַלטן געוואָרן אָראַטאָרישע רעדעס און געשיקטע רעדעלעך, אָבער אונטערגעצונדן דעם עולם האָט אַש מיטן פייער פון פרייד אין זיינע אויגן און פון דעם ציטער פון זיין שטימע, ווען ער האָט גערעדט פון קומענדע טעג, איז אַ קעלט אַדורך דורך אונזערע ביינער. מיר האָבן אַלע געפילט, ווי די שלום־בריק



שלום אַש און משה עובד אין 1922.



ברעכט זיך אונטער אונזערע פיס און מיר ווערן אַלע רח״ל דערטרונקען אין אַ ים פון בלוט.

און פּונקט אַזוי ווי ער דערשמעקט פון דערווייטנס געפאַר אַזוי דערשמעקט ער פון ווי ווייט שענקייט און אינטערעסאַנטקייט. אַז ער קומט אין אַ שטאָט אַריין זאָל זי זיין צו אים ווי פרעמד, ווערט ער פּלוצלונג רולאָז, ווי איינער, וואָס האָט אַ טייערע זאַך פאַרלוירן. ער זוכט, ער נישטערט, ער קוקט אין און דורך פענסטער, אין און דורך געסלעך, ביז ער דערטאַפּט עפּעס אַ זעלטענעם מאַנוסקריפּט, אַ חנוכה־לעמפּעל, אַ מגילה, אַ בשמים־ביקסעל, און אַזוי ווי ער קוקט עס אָן, ווערט עס זיינס, ווי ער וואָלט געפינען זיין אבידה. און פּונקט אַזוי געפינט ער זיינע טעמאָס און זיינע טיפּן.

דעם פרעמדן דאַכט זיך דאָס אַש זעט נישט, הערט נישט און פאַרנעמט נישט, דאָך דער וואָס קען אים באָענט דער ווייס דאָס עס איז גראָד פאַרקערט. די קלענסטע דעטאַל קאָן זיך פון אים נישט באַהאַלטן. איינמאָל מיט אַ צוועלף יאָר צוריק, באַווייזט ער זיך פאַר מיין ציילטיש אַ צוטראָגענער, וואַרפט די בליקן פון חפץ צו חפץ, פון וואַנט צו וואַנט.

„איי, וואָס טויג דיר דאָרט די צאַצקעס", מאַכט ער, „קום בעסער אַביסעלע אין גאַס אַריין מיט מיר. ס׳איז מיר שוין מיאוס און מאוס פאַר שענע זאַכן! אַ חלשות גייט מיר שוין אָן פאַר זיי. קום בעסער כאַפּן אַביסל פרישע לופט".

און ער נעמט מיך אָן מיט ליבשאַפט ביים אָרעם און מיר גייען אין גאַס שפּאַצירן, ווי אַ הויכער מאַן פון דער מיטלקלאַס מיט זיין קליין ווייבל פון דער זעלבער קלאַס, אין אַ זוניקן זונטיק נאָכמיטאָג.

ער פירט מיך און איך לאָז זיך. וואוּאַהין? צום בריטישן מוזעאום . . .

מיר שטייען שוין באַלד אויף דער העכסטער טרעפּ, דרייט ער זיך אויס, איך דריי זיך מיט, און מיר גייען אַראָפּ די טרעפּן און צוריק אין גאַס אַריין.

„איי, וואָס טויג מיר דאָרט מוזעאומס!? שוין אַזויפיל זיך אָנגעזען אין מוזעאומס דאָס די גלעזער פון די ברילן טון מיר שוין וויי! קום בעסער ערגעץ אין אַ גאָרטן אַריין".

פרעג איך אים: „וואָס זענט איר עפּעס אַזוי אומרואיק?"

אין אַ האַלבער מינוט שפּעטער ענטפערט ער: „אומרואיק, אומרואיק, האָסטו געזאָגט", און זיינע אויגן נעמען מיך ווי הייסע צוואַנגען אָרום, און זיין אָרעם וואַרעמט מיר ס׳האַרץ און זיינע ווערטער גיסן זיך אַריין ווי בוימאייל און זאַלבאייל. „איך וועל דיר זאָגן: אָפּגעאַרבעט אַ גאַנץ לעבן, געבויט אַ גאַלערי פון הונדערטער טיפּן, געלייגט ציגעל צו ציגעל, ציגעל צו ציגעל, איך פיל ווי מיין בנין איז שוין פאַרטיק, איך קען זיך שוין געלויבט השם יתברך אַריינציען".

מיר האָט אַזוי שטאַרק געפעלן דאָס אַרכיטעקטאָרישע משל דאָס איך האָב אים דערפאַר געדריקט זיין אָרעם זער פעסט. און אַזוי ווי מיר האַלטן זיך „גאַרען" און שפּאַצירן זיך אַרום דעם בלומסבורי סקווער, רייסט ער אַרויס זיין אָרעם פון מיינעם, זיין נאָז ווערט ווייס ווי שניי און זיין אונטערשטע ליפּ קרייזעלט זיך אַראָפּ און ציטערט ווי אַ הערבסט־בלאַט!

„וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר אין דיין בוך „וויזיאָנען און אײדלשטיינער”? וואָס האָסטו זיך אויף מיר אָנגעלייגט? הונדערט פון די גרעסטע שראַבער אין דער וועלט האָבן שוין איבער מיר געשריבן און קיינער האָט נאָך נישט געוואָגט אַזוי צו שראַבן ווי דו”.

— „וואָס האָב איך דאָס אַזוי געשריבן?” פרעג איך תמעוואַטע, מאַך זיך ווי „געפגרט.”

— „ווי הייסט וואָס, גייסט און שרייבסט, אַז איך האָב זיך געלייגט מיט די שטיוול אין בעט אַריין, נו פרעג איך דיך, וועל איך אַזאַ זאַך טון? שרייבסט דאָס איך האָב ערלעך אָפּגעגעבן דאָס געלט, דו האָסט געשיקט פאַר דיין טאַטע. נו, וועל איך דען דיין טאַטן חלילה באַגנבענען? וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר? צעוויינען זיך זיינע ווערטער טרוקן. פאַרענטפער איך זיך: „ערשטנס, וואָס אָנבאַלאַנגט די שטיוול, דאַרף עס אייך גאָרנישט ווײ טון, איך האָב אַליין אַמאָל געלעזן אין אַ ביכעלע דאָס מייקעל אַנדזשעלאָ איז צוויי וואָכן געשלאָפן אין די שטיוול. נו, שאַדט עס אים צום שידוך מיט די מוזעס? האָט עס אים דען באַרויבט איין טאָג פון אונשטערבלעכקייט? און וואָס מכוח דאָס געלט, פאַרזיכער איך אייך דאָס איך וועל עס אַרויסנעמען פון דער צווייטער אויסגאַבע. אויב עס גייט אייך אַזוי אין לעבן, וועל איך אין דער צווייטער אויסגאַבע אייך אויסטאָן די שטיוול און אייך לייגן אין בעט אַריין אין די זאָקן. גלויבט מיר, אַש, דאָס איך בין נישט חלילה אויסן געווען אייך ווײ צוטאָן. איר קענט דאָך מיך קיין גרויסער שרייבער בין איך דאָך נישט, באַצאָלט קריג איך אויך נישט פאַרן שרייבן, אדרבא, איך צאָל נאָך צו, כאָטש האָבן אַביסעלע פאַרגעניגן. איך האָב ליב ווען איך שרייב זיך צו לאָזן אַביסל וואוילגיין”.

און אַזוי ווי איך האַלט אין רעדן, הערט ער אויף מיך אויסצוהערן, ער ווערט ענטציקט פון דריי שענע יונגע דאַמען, וואָס קומען אונז אָן ווי־זאַ־ווי, און ער הייבט אָן צו מיר צו ריידן אויף ענגליש בלע”ז און שרייט הויך מיט צושפּרייטע הענט און פליט מיט ווערטער: „אויב דו וועסט זיין דערמאָנט אין דער געשיכטע וועט עס זיין ווייל דו האָסט געקאָנט מיך, שלום אַש! יאָ, יעס סער! איך בין דער אבן־טוב פון דיין שטאָלץ! די קרוין פון דיין גרעסטער גוטסקייט! יעס סער!”

מיך האָט שטאַרק אימפּאָנירט זיין דראַמע שפּילן אין מיטען העלן טאָג. מיר האָט שטאַרק געפאָלן זיין שפּראַך און טעמפּעראַמענט. זאָג איך אויף יידיש „אָט אַזוי! אַזוי זאָלט איר שרייבן ווי איר רעדט איצט. איר זענט אונזער גאָט־געבענטשטער ליריקער. וואָס טויג אייך פאָלעמיזירן און פילאָזאָפירן, איר בעסער שרייבט לײדנשאַפטלעך, אָט אַזוי, ווי איר האָט יעצט צו מיר גערעדט, וועט אייך די וועלט אַלעס פאַרגעבן, אַלע אייערע שוואַכקייטן מוחל זיין.”

„האָ! האָ! האָ!” לאַכט ער סאַטיריש, „מיר מוחל זיין! אַ שענע מעשה גאָר, כ׳לעבן! גאָר מ י ר מוחל זיין! האָב איך געזינדיקט געגן די וועלט אָדער די וועלט קעגן מיר? יעדער איינער בעגנבעט מיך, אַז דו זעסט אַ יידיש געוועלבל ווי מען פאַרקויפט אַ יידישע צייטונג, טאָ זאָלסטו וויסן, אַז דאָרט באַגנבעט מען מיך. מען דריקט מיך, מ׳צאָלט נישט! מ׳שפּילט מיך, מ׳צאָלט



נישט! מ׳זעצט מיך איבער מ׳צאָלט נישט! וועט די גנבהשע וועלט גאָר מ י ר מוחל זיין. מ י ר מוחל זיין! אַ שענער וויץ, זאָל איך אַזוי לעבן!”

און ער נעמט מיך ווייטער אָן ביים אָרעם און דער אָרעם איז אים קאַלט און ער ציטערט אינגאַנצן.

„קום אַריין אין ראַסעל האָטעל וועט מען טרינקען אַביסל ווערמיטה”. איך ווער דאָ פאַרפרוירן אין אייער לאָנדאָן”.

מיר ביידע זעצן זיך אַוועק אויף איין סאָפע, ווי צוויי אײדעלע דאַמען, וואָס רייטן אויף איין פערד. גייט פאַרביי אַ עלעגאַנטער קעלנער, שרייט אַש צום קעלנער אויף יידיש „הע! געב מיר אַביסל ווישניאַק!” דער קעלנער האָט אויסגעזען אַ בלאָנדער אַריער.

פרעג איך אַשן: „צו וועמען רעדט איר יידיש? ס׳איז דאָך אַ גוי!”— זאָגט אַש: „אַז איך האָ! אָה! זאָג דיר אַ ייד, איז אַ ייד! אָט זע”. ער רופט צו דעם קעלנער: „הער נאָר, רעד צו מיר אַביסל מאַמע־לשון, ס׳איז מיר קאַלט!” . . .

און דעם קעלנערס מויל איז איבערלאָפן מיט אַ האַרציקן יידיש, דאָס מען האָט שוין נישט געדאַרפן קיין ווישניאַק.

אַזאַ שמעקער האָט אַש!

און מיר זיצן און שמועסן. פון וואָס? פון דער יידישער טראַגעדיע, דאָס וואָס דער יונגער דור וואַקסט אויף פאַרגרעבט אָן אַ שפּראַך, אָן אַ גאָט. און איך ערקלער אים די סיבה, און דערצייל אים מיינס אַן איבערלעבונג:

אין מאַרסייל, אויף אַ הויכן באַרג, שטייט אַן אַלטע קירכע „נאָטערדאַם”, דאַכט זיך, הייסט זי. איין פאַרטאָג בין איך דאָרט אַרויף און אַריין אין דער קירכע און דאָרט געזען ווי יעזוס ליגט אויף אַ לאַנגע באַנק נאַקעט און בלוט גיסט זיך פון זיינע וואונדן — ווי רויט־בלוטיקע בעזעמס האָט דאָס מיינע עס־טעטישע וואונדן געשמיסן. און אַזוי ווי איך טראַכט זיך: „נאָך וואָס און נאָך ווען דאַרף אַ וועלט פון האָס נאָך אַזאַ בילד? עס פאַרשאַפט דאָך נאָך מער האָס!”, אין דעם קומט אַריין אַ יונגער פראַנצויז, אויסגעפּוצט מיט לאַקערקעס אויף ביידע פיס, מיט אַ שוואַרץ פאָלירטן שטעקל מיט אַ זילבערנעם קאָפּ אין דער רעכטער האַנט, מיט נייע שטייפע האַנטשן אין דער לינקער, מיט שוואַרצע גלאַנציקע האָר און מיט אַ שרינט אין מיטען. אין זיינע אויגן גלאַנצן אויך ווי לאַקערקעס, ווען זיי טאַנצן. דאָך האָט אַ כמאַרע פון גראָען טרויער איינגע־וויקלט זיין גאַנץ וועזן.

ער האָט אַוועקגעלייגט דעם שטעקל, האַנטשן און הוט און זיך אַנידערגע־קניט פאַר יעזוסן, פאַרמאַכט די אויגן און געבעטן עטלעכע מינוט. און ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט איז די גראָקייט ענטקומען פון זיין וועזן. ער האָט אויסגעזען ווי איינגעהילט אין ווייסע זיידענער רו. האָב איך זיך געטראַכט: „וואויל איז אייך, קריסטן, דאָס וואָס איר האָט אַ געפאָרעמטן און געשטאַלטן גאָט, פאַר וועלכן איר קענט זיך אָפּריידן ס׳האַרץ. אָבער ווי איז אונזער גאָט? אמת, אונזער אומזעבאַרער גאָט איז שוין איינמאָל אַ גאָט, אָבער בלויז פאַר

יחידים, פאַר אויסדערוועלטע, אָבער פאַר די מאַסן איז ער דאָך צו הויך צו זען, צו טיף צו באַגרייפן".

ס'וואָלט זיך אַ פרעמדן געקאָנט דאַכטן דאָס אַש הערט נישט קיין וואָרט, און אַז איך רעד צו די וואַנט! אָבער באמת האָט ער אפילו נישט איין וואָרט פאַרלוירן, און כאָטש ער האָט געוועקסעלט די טעמאַ, אָבער דער אינהאַלט פון זיינע רייד איז געווען אַ פאָלקאָמענע פאָרטזעצונג:

„ווייסט וואָס איך.וועל דיר זאָגן, איך דאַרף היינט פון דיר קויפן אַ מתנה פאַר מיין ווייב. איך פאָר מאָרגן צוריק נאָך אַמעריקע. זעקס חדשים געווען אַוועק פון איר. דו ווייסט דען וואָס זי איז?! איז דען דאָ אַ לעבעדיקער מענטש וואָס קען זי? זי איז דאָך די גרעסטע צדיקות וואָס איז פאַראַנען, וואָס זי שטייט אויס פון מיר! וואָס פאַראַ צרות זי האָט פון מיר! איך בין דאָך אַ רשע, אַ גאָר נישט, דער זינדיקסטער מענטש אויף דער ערד. מיינע משוגעתן האָבן דען אַ גרעניץ? אָדער איך קען נישט איינזיצן אויף איין אָרט און פלי אַרום אין דער וועלט, ווי דער טייוול, אָדער איך זעץ זיך אַוועק על התורה ועל עבודה און רעד נישט צו איר אַ לעבעדיק וואָרט. און וואָס מער איך זינדיק קעגן איר, אַלץ מער איז זי מיר מוחל. הערסט זי האָט מיך נאָך ליבער! ליבער האָט זי מיך נאָך!" און טרערן הענגען פון זיינע אויגן־לעדען.

לייג איך אַרויף מיין האַנט אויף זיינע:

— „רעדט נישט אַזוי, איך בין זינדיקער פון אייך. איר זענט גאָרנישט אַזאַ רשע, ווי איר פרעטענדירט. בפרט היסטאָריע וועט אייך פאַרגעבן אַלע עבירות, בלויס פאַר אייער איין „שטעטל"."

מיר גייען אין גאָרטן אַריין און אַ לייכט אונזעבאַר ווינטעלע איז אונז נאָך געלאָפן און אַשן געלעקט און געטריקנט די טרערן פון פנים. און ער האָט געשפרייזט לייכט ווי ער וואָלט געטרעטן אויף אַ פוכענע דעק, און ער פרעגט מיך: „איך מיין נישט קיין קאַטאָוועס, וואָס זאָגסטו זאָל איך איר קויפן, אַ ביליקע, אָדער אַ טייערע זאַך?"

זאָג איך: „ס'ווענדט זיך! האָט איר קעגן איר געזינדיקט נאָר אַביסעלע טאָ קויפט איר אַ ביליקע זאַך, אויב אָבער אַ סך, טאָ מוזט איר פאַר איר קויפן אַ טייערע זאַך".—און ער האָט געקויפט אַ טייערע זאַך.

## שלמה אויערבאַך

### גאָט און געצנדינער

(באַמערקונגען אויף די ברעגן פון משה עובדס „וויזיאָנען און איידלשטיינער")

אין וואָס פאַראַ פאָרם קענען בעסער ווערן אַרויסגעזאָגט עכט־מענטשלעך פילן און דענקען — אין געריימטע ווערטער אָדער פראָזע, איז פאַרשידן פון גרויסע דיכטער און דענקער אָפגעאורטיילט שוין פון ימים קדמונים. דער דיכטערישער נביא ירמיהו רעדט מיט עקל איבער די פאַלשע



נביאים, וועלכע ווילן פאַרבלענדן מיט זייערע אויסערע דיכטערישע פאָרמען, מיט „משא ד'"... „אָבער גאָט האָט זיי גאָר נישט געשיקט". און ווייזט אָן סימנים ביי די מען קאָן דערקענען גאָטס וואָרט, נישט דורך שיינע פאָרמען, נאָר „ס'זאָל ברענען ווי פייער אין די ביינער"... טאָלסטאָי, טראָץ זיין גרויסער ליבע צו פושקינען, דעם גאון פון דער רוסישער ריים-דיכטונג, — לייקענט איבערהויפט אָפּ די מעגלעכקייט צו קענען אויסדריקן געדאַנקען און געפילן אין „געבונדענער שפּראַך". אַליין אַ ריים-דיכטער אברהם אבן עזרא קריטיקירט אומברחמנות די פייטנים מיט זייערע קלינגענדע פזמונים: „אז, גז, פז, יקפּיל, יכפּיל א.א.וו. און פסק'עט „לא יתפלל אדם בהם" — מען זאָל אַזוי נישט דאַווענען — „אלא התפילה הקבועה". נאָר מיט געוויינלעכע פּראָזע־תּפילות. בלויז איין ביישפּיל פון אונזער נייער ליטעראַטור: די הייסעסטע חסידים פון י. ל. פּרץ וועלן מודה זיין, אַז שירה איז פאַראַנען אין זיינע שאַרפע, פולבלוטיקע פּסוקים פון די „פאָלקסטימלעכע דערציילונגען" און „רייזע־בילדער" (איןביידע לשונות) פיל מער אַלס אין זיינע געגראַמטע לידער.

די דאָזיקע הקדמה האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק, איידער איך נייי ריידן איבער משה עובדס אויטאָביאָגראַפיע אָדער זכרונות: „וויזיאָנען און איידעלשטיינער". יעדער דיכטער קאָן געפּרובט ווערן אויף זיין אויסדרוק־יכולת ערשט דורך זיין פּראָזע. אין געריימטן ליד איז דאָך אָפט אויף יעדן חטא פון אויסדרוק מכפּר דער פערז. די פּראָזע איז אָבער נאַקעט אָן פאַטשערקעס, דאָ באַדאַרף מען זיין זהיר וזהיר מיט יעדן וואָרט!

מיך האָט געבראַכט צו משה עובד, נייגעריק געמאַכט אויף דעם מענטש און דיכטער דאָס דאָזיקע פּראָזע־בוך. עס האָט מיך באַצויבערט פון דער ערשטער שורה: כמעט פּרץ'ישע קורצע פּסוקים פול מיט תוכן, יעדעס וואָרט אַריינגעפּאַסט, בלי חסר ויתיר, יעדער שטריך געהער צום בילד, ווי ביי די גאַנץ גרויסע „שאָרט סטאָרי" שרייבער, וועלכע מוזן שפּאָרעווען מיט פּלאַץ. אַלץ קאָנצענטרירט און צום ענין. איך האָב באַלד געשפּירט דעם וואָרט־קינסטלער, וואָס קאָן דאָס לעבן איבערגעבן מיט פּראָסטע ווערטער, און עס דערהויבן צו וויזיע, צו אַן אויסער־וועלטיקן חלום.

„די באָבע פערעלע איז געווען אַ געזונטע, פרומע, שטרענגע, קאַרגע יידינע. זי האָט גענומען דאָס לעבן פאַר אַ גאַנץ ערנסטן עסק, זער זעלטן געלאַכט. דער זיידע — פונקט דעם היפוך פון איר: אַ געזונטער ייד געווען, נאָר אַ רייכן הומאָר פאַרמאָגט ווי אַ קראַנקער; אָרעם געווען, נאָר עפּעס האָט זיך דאָס געלט אַרויסגעקייקלט פון זיין טאַש ווי פון אַ מיליאָנערישן, להבדיל". אויף אָט דעם אופן צייכנט ער אונז זיינע מענטשן אין זיינער אוטאָביאָגראַפיע אָדער זכרונות (עס קאָן נישט זיין איינס אָן דעם צווייטן) פון זיינע קינדער יאָרן אָן, ממש פון זיין ערשטן טאָג און נאָך פריער, ביז ער איז געוואָרן „בן ארבעים לבינה".

זכרונות פון באַרימטע מענטשן האָבן זייער אינטערעס אינם גדול אַליין,

אין זיין באַקימטן נאָמען, און יעדער גאַרט צו זען אים אין זיינע „פאַנטאָפל״. מען נעמט יעדן קלײנסטן אַנעקדאָט פון זיין לעבן אויף מיט נחת. זכרונות אָבער פון געוויינלעכע מענטשן מוזן זיין דורכגעזיפּט, מיט יעדן פּרט באַדאַרף מען זיך פרעגן, אויב אַ פרעמדן, דעם לעזער קאָן ער אינטערעסירן. ליידער זען מיר אין פילע אַזעלכע ספרים — אָדער ס׳ווערט באַשריבן דער לעבנס שטייגער פונם שטעטל, ווי, למשל, אין די פיל מער איבער זייערן ווערט־געלויבטע זכרונות פון יחזקאל קאָטיק — אַלץ זאַכן וואָס יעדן יידישן לעזער זענען זיי באַקאַנט פון זיין אייגענעם שטעטל. אָדער זיי באַרימען זיך מיט זייער יחוס, זייערע בכבודיקע טאַטעס און זיידעס, גבירים, לומדים א.א.וו. (זכרונות פון מאַזע, שמריהו לעווין, זלמן עפּשטיין, ש. י. איש הורוויץ און פיל אַנדערע).

משה עובד, כאָטש צוריק מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָר אין דער צייט ווען ער פאַרפאַסט זיינע „וויזיאָנען און עדעלשטיינער״ האָט ער קיינע פּרעטענזיעס נישט געהאַט אַז זיינע פּריוואַטע לעבנס־מאַטערנישן קענען האָבן אַן ענין ביי פרעמדע מענטשן. אָבער מיטן כּוח פון זיין באַשרייבן האָט ער באַוויזן צו דערהויבן זיי „וואָכנדיק און חילול־שבת׳דיקן״ לעבן צו אַ דיכטערישער וויזיע, און זיין משפּחה ווערט דורכדעם אונזער משפּחה, און מיר אינטערעסירן זיך מיט דעם גורל פון זיינע שוועסטער און ברידער שוואָגערס און זיידעס, אַזויווי מיר אינטערעסירן זיך מיט דעם גורל פון געוויסע העלדן פון באַרימטע „פיקטשען״, אַזויווי ס׳גייט אונז אָן זער נאָענט דאָס שיקזאַל פון טאָלסטאָי׳ס העלדן א. א. נאָך פיל מער! דער גורל פון אָט דעם קליינשטעטלדיקן יינגל, משה עובד, וואָס פאַרלאָזט זיין קליינעם מקום אָן געלט, אָן המלצות, נאָר מיט אינער אונקלאָרער האָפנונג, אַז דאָרט אין דער גרויסער ווייטער וועלט וועט זיך שוין עפּעס אויך פאַר אים געפינען, נאָר זיך ערשט אַרויסרייסן פון די ענגע פאַרהעלטענישן, איז דאָך די אויטאָביאָגראַפיע פון זייער פילע פון אונז, דער ערשטער פרייוויליגער גלות פון יעטווידען כמעט פון דער יידישער יוגנט אינם רוסישן תחום המושב פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה. מען רייסט זיך אַרויס פון זיין ענגער סביבה, און מען רייסט אַרויס מיט שטיקער הארץ אינגאַנצן די צוגעבונדנקייט צו אָט דעם קליינעם האָפנונגסלאָזן מקום, און מען לויפט אין די אומבאַקאַנטע פרעמדקייט! דאָס איז די ערשטע דאָנקיכאָטישע „נסיעה״ פון אונזערע לעבנס־העלדן; דער גרויסער ים פון אונזערע צרות, וואָס איז, ליידער, נאָר לעפּלווייז אויסגעשעפּט אין אונזער ליטעראַטור. דערפאַר איז משה עובדס לעבנס־בוך אונז אַזוי נאָענט און טייער, אַזוי ווי געשריבן נאָך אונזער דיקטאָווקע נאָך דער מדרש׳דיקער מימרא: „ומשה כותב בדמעות״...

זיינע וויזיאָנען זענען די עכטעסטע איידעלשטיינער, אויך ווען ער וויל פון אונז חוזק מאַכן, ווען ער דערציילט מיט אַזאַ אימפּעט פון זיין „הייסער״ ליבער צו זיינע געטשקעס, צו די רובינען און סאַפּירן (און פילע לעזער, אויך קריטיקער ווערן אָפּגענאַרט און גליובן אים), זיינע עכטע סאַפּירן אָבער זענען



די נישט אויסגעוויינטע טרערן פון די יונגע יידישע וואַנדערער אָן אַ צוריק, אָן אַ וואוהין.

משה עובד דערציילט נישט אַלץ וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, ער פאַרדעקט צופיל פון זיין יוגענד און בפרט פון זיינע שפּעטערע יאָרן, ווען ער האָט זיך שוין דערשלאָגן צו אַ תכלית — נאַטירלעך נישט צו דעם דאָקטאָראַבינער פון וואָס דער ישיבה בחור האָט געחלומט. ווען ער איז געוואָרן אַ „קעניג פון קעמיאָס״ און רייך. ס׳איז אַמאָל אַ שאָד וואָס מען זעט אים שפּעטער נאָר ביים צאָלטיש, זער ווייניג אינדערהיים, אין דער משפּחה, צווישן די בני בית — נאָר רמזים זעט מען פון דעם, דאָס איז אפשר אַ קינסטלערישער „טריק״, צו דערהויבן עס אויף העכערער אַלגעמיינער מדרגה, אָדער גאָר אויס צניעות׳דיקייט. אָבער פון פאַרשיידענע רמזים שיילט זיך אַרויס דאָס גאַנצע לעבן פון פּיאָנער, און אַזוי ווי איך האָב שוין געזאָגט זענען מיר כמעט אַלע חלוצים־פּיאָנערן און אָנהויבער, יעדער פון אונז מוז אָנהויבן פון בראשית.

ער באַשרייבט כמעט גאָרנישט דאָס שטעטל, די אַרומיקע סביבה, זער ווייניק נאַטור־בילדער (די זענען ווייניק אין זיין דיכטונג בכלל), די אויסערע וועלט, די עוולט מחוץ דעם מענטש ווייזט ער אונז זער זעלטן. אפילו אין זיינע בילדלעכע שילדערונגען פונם אַמאָליקן ווייטשעפּעל, זעען מיר נישט פיל פון דער אויסערער געשטאַלט, נאָר דעם תוך, דעם באַהאַלטענעם סוד פונם בילד. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל האָט אויך אַן איבערשריפט: „דער לאָנדאָנער געטאָ־ספינקס״... די אויסערע און אינעווייניקסטע טומאה רופט אין אים דעם דיכטער און קינפּטיקן סוחר פון שיינע זאַכן דעם מוכיח, און ער שרייט־אויף: „ווי נעמט זיך אַזוי פיל תאווה־שמוץ אין דיינע געדערים״! דער ספינקס דערציילט זיין טרויעריקע געשיכטע, וועלכע לאָזט זיך אויס מיט אַן התנצלות: „איך בין אַן עיר־מקלט פאַר פילע אומשולדיקע פאַרברעכער פון עסטעטישן געשמאַק און מענטשלעכן כבוד״.

איבריק איבערצוחזרן אַז דאָס זיך־ווייניק אָפּגעבן מיט דער חיצוניות און מער מיט דער נשמה פון דערשיינונגען איז עכט יידיש, נאָך פון די נביאים וואָס יעטוועדע אויסערע שילדערונג, איז ביי זיי נאָר געווען אַלס ביישפּיל צו די שטראָפרייד, אָדער צו באַווייזן דערמיט די גרויסקייט פון דעם באַשעפער. מיר טרעפן ביי אים אויך אָפּט הארבן, יידישן להכעים־הומאָר: „נאָך צוויי און צוואַנציק יאָר דאָ זיין ווייס איך אַז סע איז צוואַנציק פּראָצענט בילבול ווען מ׳רופט ענגלאַנד אַ „פרייע מדינה״... ביז נאָך פיל מלאכות איז ער געבליבן ביי דער זייגערמאַכעריי — „שלאָפט ערגעץ וואו אויף דער גאָלער ערד״. אַלס פאַרדינער שוין, דערציילט ער, „בין איך געשלאָפן אויף אַ בוידעם ווי אַ פּאָעט און געצאָלט פינקטלעך ווי אַ זייגערמאַכער צוויי שילינג אַ וואָך״. דאָס בעט איז געווען האַרט ווי אַ שטיין, די קאָלדרע דין ווי אַ ליילעך („דאָס איז אַ ביסל איבערטריבן אָבער וואָס טוט ניט אַ שרייבער כדי צו געווינען די סימפּאַטיע פון אַ לעזער״).

אייניקע, געכאַפּטע פּרטים גיט ער אונז ווי אַזוי ער איז געקומען צו די איידעלשטיינער, ווי אַזוי אָבער ער קומט צו וויזיאָנען, בעסער געזאָגט, ווי אַזוי זענען די וויזיאָנען צו אים געקומען, — בלייבט אַ סוד, ווי תמיד קומט דער שאַפענס־דראַנג ווי אַ פּלוצליכער קלאַפּ פון „יד ד׳“. פון נאָטס האַנד, ער דערציילט אָבער אויך ווייניק פון דער „התקנת הנפש, פון פאַרבריטן די נשמה צום דיכטן, אויך ווייסן מיר זער קנאַפּ וואָס ער לייענט און לערנט. נאָר איינמאָל אַ דאַבייאיקע באַמערקונג: „אין די פיר יאָר האָב איך נישקשה׳דיק אויסגעלערנט ענגליש, פאַרזוכט פונם עץ הדעת פון דער ענגלישער קולטור, זיך אָנגעזאַפּט מיט ד. ס. מיל, ראַסקין, עמערסאָן“. דאָס ווערט געכאַפּט דערציילט אין איין אָטעם מיט דעם אַז ער האָט „זיך אויסגעלערנט נישקשה׳דיק די מלאכה“...

דאָס וואָרט נישקשה׳דיק חזרט זיך איבער מיט גרויס נחת ביי יעדן דערפאָלג, נישט „גוט“, נאָר „נישקשה׳דיק“ — נישט צו פאַרשרייען!... אַזוי גייען מיר אַדורך פילע קאַפּיטלעך פון זיין „נישקשה׳דיק“ געשריבענעם ספר החיים, דורכגעגלאַנצט פון עכטע און פאַלשע איידעלשטיינער, פאַרקלערט פון וויזיאָנען, די עכטע נשמה-איידעלשטיינער, אַ באַשרייבעניש פון זיין — ווי ער זאָגט אין זיין הקדמה — „וואָכעדיקן און חילול-שבתדיקן לעבן פון איינעם, וואָס האָט איבערגעלעבט געטלעכע מינוטן און שעהן“. זיין דראַפּן און קלעטערן אויף די אונענדלעכע שטאַפּלען פון קדושה און טומאה לייטער, זיינע עליות און זיינע ירידות“, וואָס בתוך אָט דער טומאה פון פּאַטשערקעס, רינגעלעך, בראַסליעטלעך און אַנדערע ווייבערשע שמאָכטעס, הויבט ער אָפּט אָן זאָגן שירה. שירה הערט מען אַרויס אַפילו פון די בלעטער, אין וועלכע סע ווערט באַשריבן מיט גרויס התלהבות אַ בריליאַנט וואָס אַ פּריצע פאַר הונדערטער פון יאָרן האָט געטראָגן, און כאָטש דעם עקעל וואָס יעדער אמת׳ער ייד טראָגט ביי זיך אין האַרצן נאָך פון די חדר־יאָרן צו די אלוהי מסכה, צו אָט דער תועבה, פאַרמאָגט אָבער משה עובד מיט זיין באַשרייבן אַרויפוואַרפן אויף אַלע די רובינען און בורשטינען און קעמיאָס (איך ווייס נאָך עד היום נישט וואָס איז דאָס) אַ מיסטישן שלייער פון אַ פרעמדער געטליכקייט, אַז מען ענטפערט אמן בעל־כרחו. אַזוי דאָס קאַפּיטל איבער די סודות פונם רובין, א. א.

זער אָפט ווערט אים ענג אין „ענגן טעמפּל פון העלעניסטישע פאָרמען“ און איז גליקלעך ווען דער איינבליק פון אַ שיינער קונה׳טע טרייבט אים אַריין אין דעם „אומענדלעכן, פאַרבן־רייכן היכל פון יהדות“... דאָ איז נאָר זיין חיי שעה, אָבער זיין נאָענסטע סביבה איז פול מיט חיי עולם. „אַ האַלבע מינוט פון אים איז דער בריטישער מוזעאום — „דער אַנטלאַנטישער ים פאַר מלומדים“. אויך „אַ קריסטלעך ביבעל געשעפט וואו סע זענען אויסגעשטעלט אין פענסטער אָפענע תנ״ך׳ן, ווי אין אַ יאַטקע ערשט אויפגעשניטענע קעלבער“.... „ווען איך גיי פאַרביי בין איך זיך נוהג צו באַלעקן ווי אַ הונט מיט אַ פסוק אָדער צוויי, געב אַן עלעקטרישן ציטער פאַר גאָטס וואָרט“....



ער זאָגט אויך אָפט ווידוי און שלאָגט זיך על־חטא וואָס ער האָט זיך מיט שענע זאַכן פאַרשפּילט, פאַרגעסן די רעטעניש פון דער וועלט, נישט באַגריפן די גרויסקייט פון אונזער תורה און די ליכטיקע שיינקייט פון אונזערע נביאים“. אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער דיכטער, ווען פּלוצים האָט זיך „זיין האַרץ געעפנט ווי אַ טיר פון אַ שפּיטאָל, צום צער פון מענטש און צו די וואונדן פון זיין פאָלק“...

ער פאַרשטייט אַז אָן צער קאָן נישט זיין קיין דיכטונג, נאָר וואָלוועלע קופּלעטן און דער פאַלשער גלאַנץ פון איידעלשטיינער קאָן אפשר אָנצינדן אַ ברענענדיקן צאָרן איבער די שלעכטיקייט און נאַרישקייט פון היינטיקער וועלט אָרדענונג. איינמאָל אין אַ רעגענדיקן בין השמשות אויף אַ דאַך פון אַן אָמניבוס דערזעט ער אַ וויזיע, און וויל שרייבן אַ בוך, „וואָס סע זאָל ראַטעווען די וועלט“ — נישט ווייניקער!... אין אַ חלום רעדט ער צו מיליאָנען „אין לשון קודש — אין נאָמען פון אייביקן גאָט“...

צו אָפט רעדט ער פון גאָט און פון קדושה־טומאה. עס מאַכט אין אָנהויב אַ נישט זער יושר׳דיקן רושם ווען מען דערמאָנט זיך אין דער רעליגיעזער וואַקכאַנאַליע און גאָט־זוכעריי וואָס האָט געהערשט אין דער וועלט באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט דעם אָנהויב פון דער פאַשיסטישער רעאַקציע. די רעליגיעזע שוואַרצע כמאַרעס, וועלכע האָבן פאַרפינסטערט אַלע מענטשלעכע אידיעאַלן און האָפענונגען אויף אַ בעסערע וועלט און בעסערן מענטש זענען געווען אַן אָנזאָג אויף די שפּעטערע שטורעמס פון היטלעריי און וועלט חורבן. נאָר ווייניקע האָבן עס אָבער געזען. און אַזוי ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך, דורך מאַרטין בובערס פאַלש־גוייש־קאַטוילישאויסגעטייטשטן חסידיזם און אַנדערע סיבות, האָט מען אויך ביי אונז אָנגעהויבן „חוזר בתשובה“ זיין, און פילמאָל איז אין אונזער ליטעראַטור דערמאָנט געוואָרן גאָטס נאָמען לשוא — (אומזיסט!)

ווען מען לייענט זיך אָבער אַריין אין משה עובדס יצירה זעט מען, אַז זיין גאָטזוכעניש און רעליגישקייט איז אַ נויטווענדיקער טייל פון זיין גייסטיקן מהות. ער זוכט גאָט ווייל ער פילט זיך פאַר׳יתום׳ט אָן אים, ער בענקט נאָך אים ווי נאָך אַ שטיק פונדערהיים, נאָך אַ וויכטיקן טייל פון יידישן שטייגער. זיין רעליגיעזע פאָרשטעלונג איז נישט תמיד קלאָר: אָפט איז דאָס אַן עקלעקטישע בריאה, אַ מישמאַש פון קליינשטעטלדיקער רעליגיעזער ראָמאַנטיק — חסידים שטיבל, חזנישער ניגון, טשאָלענט, פּלוצים איז דאָס דער מדבר־מן און דער מדבר־גאָט, די אלוהי כנען, אויך די אלוהי אחרים, די משכן-מנורה לייכט אינאיינעם מיט ערב-שבתדיקע בענטש־ליכט. אומעטום זעט ער דעם שימער פון גאָטס שכינה. די רעליגעשקייט יאָגט אים אַרום ווי פראַנסיס טהאַמפּסאָן׳ס הימלישער הונט, און נישט אומזיסט האָט משה עובד גענומען אויף זיך די שווערע אַרבייט פון אַן איבערזעצונג פון „טהע האָונד אָף העוון“. דער הימלישער הונט לויפט אויך אים נאָך...

אַזוי איז געבוירן דאָס ערשטע בוך „אַרויס פון כאָאָס“, מיט וועלכן ער

האָט זיך אונטערגענומען די וועלט דערלייזן, ווי דאָנקיכאָט מיט זיין פאַרזשאַווערט שווערדל. — אשרי המאמין !...

גאָר ווייניק דערציילט ער אין זיינע זכרונות איבער זיינע ווירקלעכע ליבעס, אָבער מיט גרויס אימפעט שילדערט ער זיין ליבע צו אַ מיוחסדיקן בריליאַנט די דאָזיקע ליבע איז שווער צו פאַרשטיין און צו גלויבן, נישט נאָר אים דעם געוועזענעם ישיבה־בחור, אויך אָסקאַר אואיילד, דעם פּריץ און פּריציש־העליניסטיש דערצויגענעם. גלויבן מיר זער ווייניק אין די עכטקייט פון זיין באַגייסטערונג פון פּילפּאַרביקע גלעזער און מעבל, פון גאָלדענע ציגאַר שפּיצלעך און בריליאַנטענע העמדער־קנעפּלעך. פיל מער איז ער ביי אונז באַגלויבט אין זיינע מלא־רחמים׳דיקע מעשהלעך פון בלוט און טרערן פון שקלאַפן און אַרבייטער ביים אויפברייגנען די אַלע „שיינע זאַכן“, ווי, למשל, „העפּפּי פּרינס“, „יאַנג קינג“ א.א.

אָבער פון משה עובדס אַרומשפּילן זיך מיטן בריליאַנט קומט אַרויס אַ בריליאַנטענער פסוק: „מיר (ער און דער בריליאַנט) האָבן זיך באמת ליב געקראָגן, פאַר מיר איז ער געווען די בריליאַנטענע אויג פונם עגל הזהב ווען גאָט האָט זיך נישט באַוויזן“. יאָ! מען קאָן אים מקנא זיין אויף זיין באַציאונג צו זיין פרנסה, דורך דעם ווערט די וואָך אַ יום שכולו שבת.

ער זעט אַרום זיך פיל מענטשן אין דער וועלט־שטאָט און אין זיין געשעפט. ער קומט מייסטענס אין באַרירונג מיט אויסטערלישע קונים, און קונה׳טעס (דער קונה און ליבהאָבער פון אַלע די דאָזיקע פּאַטשערקעס זענען נישט קיין גאַנצע זכרים — זיי מוזן אין זיך האָבן פיל מסיטרא דנוקבא, פיל ווייבעשקייט...) בכלל זעט מען פיל אויסטערלישע טיפּן צווישן זיינע קונים אויך אַן אַמעריקאַנישן שקלאַפן־הענדלער, קאָרטן־לעגער, נישט אָנערקענטע דיכטער און נאָך אַ סך אַרויסגעשטויסענע פון דער וועלט־שמחה, און נאָך מערקווירדיקע סיטואַציעס. למשל, דער מערקווירדיקער שוסטער וואָס רעדט אין אַ „געלאַטעטן ענגליש־יידישן דיאַלעקט“, וועלכער אויס ליבע צו זיין כלה, וואָס איז נאָך אַ קריינק גרוי געוואָרן און ציין פאַרלאָרן — איז שלא לבייש, פאַרבט ער זיך אויך זיינע האָר גרוי און רייסט זיך אַרויס געזונטע ציין... ס׳קלינגט אַ ביסל אַנעקדאָטיש, אָבער די שילדערונג איז אַזוי עכט און איבערצייגענד, אַז מיר מוזן עס גלויבן.

אויך פירט ער אויף אַ גאַנצע גאַלעריע פון קינסטלער און שרייבער, ווי יעקב עפּשטיין, שלום אַש, סאָקאָלאָוו א. א. ווייניק נייעס ווייסט משה עובד צו זאָגן איבער נחום סאָקאָלאָוו, אָבער דער עיקר איז די באַציאונג, דער יראת הכבוד, צום גרויסן ייד און אויסטערלישן טיפּ פון אַ שרייבער: ער שילדערט די נאָך גליקלעכע נאַאיווע צייט, ווען מיר — קינדער פונם עם־הספר — פון אָט דעם אייביקן ספר, וואָס דער אייביקער אַליין האָט מחבר געווען, האָבן מיר נאָך געהאַט גרויס אָבשיי און דרך ארץ פאַר יעדן מחבר פון ספרים: צוועלף־יאָריקע יינגלעך לאָזן זיך קיין וואַרשע צו זען מיט אייגענע אויגן די פאַרגעטערטע פון דאָמאָלס — בפרט אין פּוילן: י. ל. פּרץ און נחום



סאָקאָלאָוו. ער וואַרט אויף דער סטאַציע טאָג און נאַכט צו האָבן די זכיה מקבל שלום זיין פון סאָקאָלאָוו׳ן אויף דער דורכפאָר. אין אונזערע חוצפה׳דיקע טעג, ווען מען האָט נאָר יראת הכבוד פאַרן גראָבן כוח לייענט מען דאָס קאַפּיטל ווי אַן אומגלויבלעכע לעגענדע...

ווייניק סימפּאַטיע רופט אַרויס אין זיין באַשרייבן שלום אַש׳ס סנאָביסטישע פיגור; אינטערעסאַנט איז נאָר אין דער דאָזיקער באַשרייבונג זיין געשפּרעך מיט אים איבער גלות-מן און איבער יידישע מאכלים אַלס דעראַלטער פון יידישקייט. איך מוז אָבער פון אמת וועגן באַמערקן, אַז דער דער דאָזיקער געדאַנק איז פיל מאָל ביי מענדעלע סאַטיריש באַהאַנדלט געוואָרן, אין פיל מקומות, און בן־עמי האָט אין דער „התקופה“ איבערגעגעבן אַ גאַנצע דרשה פון מענדעלע איבער יידישע לאָקשן פּרייטיק-צונאַכטס, וואָס זענען מער וויכטיק פאַר דער יידישער עקזיסטענץ ווי אַלע צען בענדער פון דובנאָוו׳ס יידישער געשיכטע... (און אויך ביי מענדעלען איז די דאָזיקע מיינונג נישט גאַנץ אָריגינאַל).

די הסכמות וואָס ער ברייננט פון יידן און נישט יידן איבער זיין בוך „אַרויס פון כאָאָס“, בפרט די הסכמה פון מאַקס נאָרדוי, באַווייזט דאָס „מענטשלעכע אַלצו מענטשלעכע“ (ניטשעס וואָרט) — אַ מענטשלעכע שוואַכקייט — ווי אין יעדן פון אונז. און זיין ספר החיים וואָלט געווען ווייניקער מענטשלעך־לעבעדיק, ווען ער זאָל די הסכמות נישט געווען ברייננען...

די באַציאונג זיינע צו העברעאיש ווי צו אַן „אַרכאַאיש קונסט־ווערק, וואָס זעצט אין ערשטוינען“, ס׳איז ביי אים איבערטריבן הייליק, ווי די חנוכה־ליכטלעך, וואָס אסור להשתמש, מען טאָר זיך נישט באַנוצן מיט זיי... דאָס כאַראַקטעריזירט אַ בכבודיקן, אָבער נישט להכעיסדיקן יידישיסט, אַן עכטן גלות־ייד, אַ זון פון אַ פאָלק וואָס איז געבענטשט אָדער פאַרשאָלטן מיט צוויי פאָלקס לשונות.

אגב איז זיין יידיש דורכגעדרונגען מיט דער זאַפּטיקייט און רייכקייט פון לשון קודש, מען קאָן גאַנצע זייטן כמעט וואָרט ביי וואָרט איבערזעצן אין העברעאיש. פיל פסוקים ביי אים זענען נאָר פאַריידישטע לשון קודש׳דיקע פסוקים. „זיי זענען מאָביליזירט צו געבן זייערע קערפּער פאַר וואונדן און זייער לעבן פאַרן טויט“ — דער באַקאַנטער פסוק „את גווי נתתי למכים ואת לחיי למורטים“. און איך קאָן אָנווייזן אויף מערערע אַזעלכע פסוקים. אָדער גאָר פון דער נייער העברעאישער פּאָעזיע: איך וויים נישט וואָס איז גרעסער געווען צי דער בראָך, צי די בושה“ (18) — גדול מאוד הכאב וגדולה הכלימה, מה יותר גדול?, — אין ביאַליקס משא נמירוב...

דאָס באַווייזט נאָר אַז דער געוועזענער ישיבה בחור משה עובד דענקט און פילט נאָך אין דעם אייביקן לשון פון פאָלק ישראל. און אַלס אַ מענטש מיט שפּראַך־געפיל, ווייסט ער, אַז גוט ליטעראַריש־יידיש מוז זיין געפונדעוועט אויף די אַלטע מקורות. — ווען נישט איז עס נאָר אַ שלעכט דייטש.

איך האָב דאָ איבערגעגעבן דעם רושם וואָס משה עובדס בוך האָט אויף מיר געמאַכט בשעתו, איידער איך האָב געקענט משה עובד דעם מענטשן און דעם דיכטער. די איינדרוקן זענען דערפאַר גאַנץ אויפריכטיקע, אָן א שום פניה. אפשר ווען איך זאָל איצטער לייענען זיין ספר החיים, וואָלט ער אויף מיך געמאַכט א גאַנץ אַנדערן רושם. נישט אַזאַ תמימותדיקן, אָדער אפשר א בעסערן.

איינס וואָלט געווים געבליבן — אַז משה עובד איז א יידישער ייד, און זיין יניקה, די רוהניות׳דיקע, די דיכטערישע ציט ער נישט ווי איניקע לעזער און קריטיקער מיינען פון „קעמיאַ קאָרנער", פון זיינע איידעלשטיינער.

זיין שאַפן האָט גאָר אַן אַנדערן מקור: אויסער דעם יידישן בת־קול, וואָס ער הערט ביינאַכט וויינען אויף די יידישע חורבות, שטראָמט אין זיין שאַפן ווי ביי ביאַליקן (מאין לקחתי את שירי?) זיין מוטערס טרערן: „מיין בלוט האָט זיך אויף אייביק מיט טרערן ווי גאַל און מיט טרויער מיך געזעטיקט אויפן גאַנצן לעבן".

און דאָס איז דער ריכטיקער מקור פון יעדן עכטן שאַפן.

## אהרן גאָלדבערג

# רעפלעקסן איבער משה עובדס בוך „אין חדר אריין"

(אַרויסגעגעבן צו זיין 60־יאָריקן יובילעאום—לאָנדאָן, תשרי־ה׳תש״ו־1945).

I.

„אין חדר אַריין" איז זער אַ באַחנטער נאָמען, איז אָבער מער אַ סענטימענטאַלער און סימבאָלישער אויסדרוק פון ליבע צום אַלטן חדר איידער צום אינהאַלט. די פיער זמנים זיינען מדורות=שטאַפלען, מער אין דמיון פון מחבר, איידער אַ בהדרגהדיקער המשך פון איין זמן צום צווייטן, וואָס זאָלן העלפן דערפירן צו שלמותדיקע אָפשליסנדיקע בילדער. [אין איניקע פרטים איז דאָס אַ מניעה, דערפאַר, וואָס אומאָפהענגיק וואָלטן איניקע לידער, מיט אַ קליינער ענדערונג, פאַר זיך זעלבט געווען פאָלקאָמער].

אָבער אין יעדן זמן געפינט איר אַן אָפקלאַנג — ניט בלויז אין זיין ספעציפיש בחירהדיקן „אָפקלאַנג" (אין די לעצטע פינף זייטלעך פונם בוך) — פונם שפּילעוודיקן, ראַפינירטן טרוימער־קינסטלער, און פונם דיכטער דער בעל־חזיון. עובד פאַרקליידט זיך דאָ עניוותדיק ווי אַ בעלפער (ווי ער פאַררופט זיך), אָבער אין זיין „חדר" איז ער דער רבי, כמעט „כביכול" אַליין: ער טראָגט מיט זיך דעם אַלטן שם המפורש פון זיין „אַרויס פון כאַאָס", נאָר זיין וואָרט און דער פיבער פון זיין פערז איז דאָ „אין חדר אַריין" שוין נישט מער עקזאָטיש. דאָרט „אין אַרויס פון כאַאָס" ענטפּלעקט זיך די נשמה פון ליידנשאַפטלעכן־אברך, דער באַזעלטער יינגלינג, וואָס שפּראָצט מיט נביאישע געפילן (נישט פּאָעזיע); דאָ — דער בן־ששים: דער קהלת־מלכותשער־דאָןקיכאָט־דיכטער. דער „בעלפער" עובד איז נאָך אַלץ באַפרוכפּערט מיט די



זריעה־קערנדלעך, וואָס ער האָט פאַרזייעט אין „אַרויס פון כאַאָס" — מיט דרייסיק יאָר צוריק. דאָרט איז זיין [אָנפאַנגס]־„שליחות" (אַ וואָרט וואָס איז פאַרבונדן מיט שליחים=אַפּאָסטאָלן) אַן אַבסטראַקטע נעאָ־גלילישע באַרגרעדע, וואו זיין יידישע בענקשאַפטס־זוכעניש פאַרגייט אין „אַלוועלטלעכן"־ים פון „מענטשן־ליבע"; וואו דער וויגעשריי פון זיין נשמה און פון דער צעריסענער יידישער פאָלקס־נשמה און פאָלקס־צער שרייט אין דעם גלות־מדבר: „אוי גאָט, מיין גאָט!"־אויסגעשריי . . . ; דאָ אין „חדר אַריין" הערט זיך שוין הילכיק דער בת־קול פון זיין אבי־אבות, דער נצחיותדיקער „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!" זיין „שליחות" דאָ ווערט שוין אַן אָנגענומענע „עבודה" — פאַר זיין פאָלק: אַ „שבת־ועבודה־פּלאַן" פאַר ישראלן, כדי צו דערהויבן די וואָכעדיקייט און די פערבלאָנדזשעניש פון די פאַרצווייפלטע יידישע מאַסן, כדי צו דערהויבן עבודות פון שפלות; די גראָקייט פון וואָכעדיקן יידישן לעבן זאָל צוריק ווערן דער פרוזדור לשבת. אין נגינה פערזן איבערדיכטעט ער די קולטור־נאַציאָנאַלע אחד־העמישע און ביאַליקשע דעפינירונג פונם שבת־קולט און פון הײנעשן „פרינצעסן שבת" . . .

משה עובד איז נישט דער געבענטשטער דיכטער־מלידה: דער געלייטערטער כור־האש־פּאָעט, דער בר־אורין־דאוריתא־משורר, דאָך איז ער, כמעט, דער „פרומסטער" יידישיסטישער שרייבער פון אונזער צייט, וואָס האָט דאָס רעליגיעזע געפיל, די בענקשאַפט צום טראַדיציאָנעלן־נאַציאָנאַלן יידישן קולט סוביעקטיוו פערפלאָכטן אין זיינע אַלע פּאָעמען און ליטעראַרישע שאַפונגען; אַחוץ וואָס זיי זיינען אָנגעפּילט מיט אַ פאָלקסטימלעכן תוכן פון אַלטן חדר, טראָגן זיי, דאַכט זיך, עפּעס ענלעכקייט צום פּאַטאָס פון אונזערע מיטלאַלטערלעכע פּאָעטן, ווי למשל, אבן־גבירול א.א. (אין „אויפן הויכן הר־השירה"). זיין רעליגיעזע בענקשאַפט, רחמנות צום קינד־און־קייט, צו אַלץ וואָס יידיש, איז אויך ענלעך צו לוי יצחק באַרדיטשעווערס רחמנותדיקע, מליץ־יושרדיקע פאָלקס־נגינה־טענות צום רבונו של עולם — אַ ניצוץ פון אים איז פאַראַנען אין עובדן דער מליץ־יושר (ווי ער ווייזט זיך אַרויס „אין אַ סצענע צווישן גאָט און ישראלס אַמבאַסאַדאָר").

ס׳איז דערפאַר פאַראַנען אַ געפאַר, אַז די וואָס קאָנען נישט דעם דיכטער און זיינען נישט באַקאַנט מיט זיינע פריערדיקע שאַפונגען, זאָלן צוליבן דיקן לבוש פונם אָפטן געקינצלטן און שטאַרק אָפגעהיטענעם גראַם אין זיין נייעם בוך, זיין עלול צו פאַרזעען די אמתע פייערדיקע בריליאַנטלעך, וועלכע לעשן און צינדן זיך, ווי „פייער און ווינד" — אָט די טיפע גייסטיקע יסודות, וואָס זיינען דאָס סולת (דער שמאַנט) פון דיכטערס נשמה.

עובד פערמאָגט כמעט אַלע עלעמענטן אויפצובלאָזן דעם רוח השירה אין זיין נייעם בוך פּאָעמען — ווען ער וואָלט געלייטערט, געריייניקט און זיך געהיטן מער פון וואָכעדיקן כמעט בדחנישן וואָרט און טיילמאָל רויען קלאַנג; (ווען ער וואָלט באַנוצט דעם כשוף־צויבער פון זיין אות אויך אין זיין וואָרט); ווען ער וואָלט געהיטן פאָרם און מאָס: אָפגעהיטנקייט, קאַרגקייט פון גראַם,

וואָלטן זיכער געמאַכט זיין וואָרט און פערז טיפער, וואָגיקער. צו זיין באַחנט און געבענטשט מיטן כוח פון זמירה איז איין טייל פון דער בחינה פון פּאָעטישער גנאָד, און צו באַזיצן דעם זיבעטן קינסטלער חוש—שלמות!—איז די האַרמאָנישע בחינה, וואָס מאַכט אַ קינסטלער אומשטערבלעך. ס'איז קלאָר, אַז עובד באַזיצט נישט די אויבנדערמאָנטע שלמותדיקע מעלות. ער באַזיצט אָבער אַנדערע מעלות: אַ ליריזם וואָס איז אין תוך יידישער רחמנות; אַ ווייך־נאַאיוו־פשטותדיקן טאָן; אַ תמימותדיק שטאַרקן פאָלקסטימלעכן נגינה־ריטם, אַזויפיל, אַז זיינע פּאָעמען און זיין ליד אָטעמט און לעבט און וועט אויך בלייבן אַ לעבעדיקער פאָלקסטימלעכער קוואַל פון פאָלקלאָר — פון זיין תקופה.

II.

דער ערשטער זמן איז דערפאַר דער שענסטער פון בוך מיט זיין קינסטלערישער אָפּגעהיטנקייט, עובדשער אומיטלבאַרער פשוטקייט און כשופדיקייט. ווייל דאָ אין דעם ז מ ן, הערט זיך דאָס זמירות פון זיין נשמה; דאָ לעבט ער נאָך הינטער די אַלטע חדר־ווענט, — מיטן כוח פונם אויפגעהאַלטענעם לעבעדיקן שם — דער שם־המפורש פון יידישן אלף־בית; דאָ איז ער אַליין נאָך „אַן אות, וואָס ציט, אַ פּינטעלע וואָס בריט"; דאָ זינגט ער נאָך זיין ליד מיט די תנועות און ניגון פון זיין קינדישן חדר:

„קאָ־קאָראָ־קאָ"
[. . . די מאַמע איז נישטאָ]
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
„יינגעלע, יינגעלע, ווי זעט אויס אַן אַלף" . . .
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
„קרוין פון טרערן" . . .
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
„ווי לאַנג צום ערשטן הימל דער מהלך" . . . א.אַז.וו.

דאָ זינגט און טאַנצט דער אַלף־בית — דאָס יידיש־קינדערשע שפּילצייג, וואָס האַלט דעם יידישן מענטשן פאַרכישופט ביזן טויט (דער ייד וואָס קאָן דעם אלף־בית איז אַ ייד ביזן טויט!); אפילו ווען די נגינה פונם נייעם ליד זיינעם איז אַרויסגעזונגען געוואָרן פון עובדן אין אַ נייעם זמירות־טאָן, וואָס ס'דאַרף ערשט קומען דער פאָלקס־קאָמפּאָזיטאָר און אָנהענגען אַ לעבעדיקן פאָלקסקלאַנג צו די שירהדיקע ווערטער, וועלכע סיי דער דיכטער, סיי דער לייענער מוזן דאָס אויסזינגען — ווייל עובד האָט זיינע א"ב־לידער אויסגעזינגען . . .

עובד איז דער קינסטלער פון יידישן א ו ת: פון אלף־בית, פון די שימות. דאָס יידישע אות איז משפיע אויף אים ווי אַ רוח הקודש; ער מאַכט כשוף מיטן שם: זיין אלף־בית און די סמנים־געשטאַלטן פון יעדן אות טראָגט ביי אים אַ כשוף־צורה, — אַ לעבעדיקער שם המפורש; זיין פרייד איז די שמחה מיט דער ה, זיין צער איז דער וויגעשריי פון די נקודות — יעדעס „אות פון שמות איז פול מיט געוויין"; זיין גלות — איז דער גלות פון א"ב; יעדער אות שרייט ביי אים „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד!" די וועלט



הויבט זיך אָן אין אים מיטן אות און דער [אין]־סוף פון דער בריאה תכליתט זיך אין אים מיטן אות און שם (אפילו. . . די קאַטשקע געשאָכטן אויף שבת גייט אויס מיטן שם פון „אחד" אויף דער מאַמעס קרבן־מנחה־סידור — אין זיין „כ און ח באַלאַדע"). זיינע אלף־בית זיינען דאָס מלכות הוד־שבתפארת.

אומאָפּהענגיק און פון אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן ליטעראַריש ־קינסטלערישן חן און זשאַנר דאַרפן דאָ דערמאָנט ווערן די לידער: „דער גלות־גאון", „חוהס מאַלפע רעדט דבורים" און „לאַנדאַנס יחוס". די ערשטע צוויי צוליב זייער דעקלאַמאַטאָרישע אייגנשאַפטן, און „לאַנדאַנס־יחוס" צוליב דער סימבאַליש־יידישער אויפפאַסונג פון דער טעמאָ פון אונזער מחבר. (מיין פּאַכמענישע ליבע און סימפּאַטיע, אַלס „בחור"־העוסק במלאכת הקודש, גייט אויס צום ליד „יידישע האַנדשריפטן", ז. 12.—א. ג.).

III.

אין זיין ערשטן זמן זיינען מיר נאָך אַלץ אין פּרוזדור פון דיכטערס זמירה. אָבער אין די ווייטערע זמנים וויל אונז עובד אויך אַריינפירן און אַרויפהויבן צו זיין טרקלין=היכל פון זיינע „מעשה־נורא"־ראַנגלעניש און זיינע „מעשה־בראשית"־רעיונות און דמיונות איבער זיין אויבערשט־און אונטערשט (גן־עדן)־וועלטל. אָבער זיינע חזיונות, סודות, קדושה־פּינטעלעך און ניצוצות־נקודות זיינען נישט טיפער, נישט העכער און נישט שטאַרקער פון זיין וואָרט און גראַם. עס פעלט אין זיי בכלל דאָס פייער אָנצוצינדן דעם פאַרלאָשענעם ניצוץ אין איך . . . עס פעלט דער כוח צו קענען משפיע זיין נישט בלויז אויף אייער הינטערגעדאַנק, נאָר אויך אויף צו מאַכן איך מיטצודענקן, מיטצוגלויבן, מיטצופילן, ווי, למשל, ער ווירקט אויף איך אין זיין ערשטן ז מ ן.

בולטער זיינען זיינע קולט־רמזים, וואָס טראָגן אין זיך דעם עול פון צלם־אלהים, דעם תהלימשן „ראשית חכמת יראת ה'", — צו היטן אָט דעם עיקר אין מענטשן, דעם ניצוץ [מענטש און ייד] — דעם שלהבת־יה —

„וועסטו מענטש דיין ניצוץ היטן,
בין איך דיינס; ביזטו מיינס — און מיר זיינען איינס.
ווערסטו מענטש דעם ניצוץ ניט היטן,
בין איך ניט דיינער; ביזטו ניט מיינער —
ביזטו אַ זאַק מיט טויטע ביינער."

כאָטש זיינע פּאָעמען אין די דריי לעצטע זמנים טראָגן אַן עטיש־רעליגיעזן לבוש (צי זיין „אדם־וחוה" אויך? — האָב איך נאָך ביז איצט נישט תופס געווען ניט דעם רעיון דערפון און ניט דעם מוסר־השכל פון דעם . . . כאָטש געשריבן איז דאָס אונטער דער זעלבער השפעה פון דיכטערס „נייע מעשה־בראשית"!... — און אַ שאָד, וואָס עובד האָט ניט דערפילט די אַלע דיסאָנאַנסן, דאָס מעלאָדראַמאַטישע און קליינפעליעטאָניסטישע, וואָס האָט זיך אָנגעקלעפּט (צוגעטשעפּעט!) אָן דער שענער, הערלעכער ה ת ח ל ה פון זיין „נייע מעשה־בראשית" — „אדם־וחוה"?!) ווירקן זיי אָבער דער עיקר ניט אויף די עטישע סטרונעס און געדאַנק, נאָר גאָר אויפן עסטעטישן אויער און גו"ג.

זיינען דעריבער זיין „אויפן הויכן הר־השירה", זיין „מעשה־בראשית" און אויך זיין לעצטער זמן ניט מער ווי שענע פאָלקס־דעקלאַמאַציע, וואָס איז עלול אויך צו ווערן פאַנטאַסטיש פאָלקס־שפּיל. אַ קינסטלערישע האַנט קאָן צושאַפן אַ „שאַגאַל"־דעקאָראַציע, וואָס זאָל צוגעבן פאַנטאַסטישן חן און שענקייט, און וואו דאָס אַקראָבאַטיש־קונצענמאַכעריי, אַרכיטעקטאָריש געבויט ליד: „דער אלף־בית טאַנץ", קען ווערן דער „חוה־שלאַגער" אין יידישן באַלעט . . .

בכלל לייענט זיך זיין „אין חדר אַריין" ווי פאָלקלאָר און פאָלקס־נגינה. ער דערמאָנט טיימאָל י. י. וואַרשאַווסקי און אַנדערע אַלטע יידישע פאָלקלאָריסטן. עס דערמאָנט אונז אין דעם אַלטן חן פון אונזער פאָלקס־פּאָעמעס און ניגונים. זיינען טאַקי זיינע זמנים־פּאָעמען פאָלקס־ניגון אין פאַרשידענע וואַריאַציעס.

דערמאָנט זיך מיר אויך יענע טעג . . . ווען איך בין געזעסן און עוסק געוועזן אין דער מלאכת־הקודש (עבודה=ממש: לויטן עובד באַגריף) ביי מיין מאַשין און מתחבר געווען און משפיע געוואָרן זעצנדיק „אין חדר אַריין" . . . האָב איך מיט די אויגן געלייענט די ווערטער, מיט די פינגער געקלאַפּט דעם נשמה ריטם פון די אותיות און ווערטער און מיטן האַרץ געזונגען די טענער — די נגינה: מיין אייגענע — די וואָס זינגט אין יעדן פילנדיק יידיש האַרץ; דעם דיכטערס־און דעם פאָלקס—נגינה . . . מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך זעץ איבער יידישע באַקאַנטע פאָלקס־מעלאָדיע: ווערטער, ריטמען און קלאַנגען האָבן זיך אויסגעלייגט אויף מיינע זעץ־קלאַווישן, ווי קלאַווישן פון נאָטן, און נייע יידישע סימפאָניעס האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט, ווי נשמות וואָס וואַרטן אויף אַ תיקון! — און איך בין זיכער, אַז ס'וועט קומען דער יידישער קאָמפּאָזיטאָר און וועט געבן אַ תיקון און דערמיט פאַראייביקן עובדס דיכטונג און זמירות וואָס ער האָט אַריינגעזונגען אין זיין נייעם „אין חדר אַריין" . . .

* * *

און דער סך־הכל, ביז איצט, פון די פאַרשידענע פאַזן פון די דריי פאַרשידענע תקופות אין עובדס שאַפן (פון די דריי ביכער וואָס איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו לייענען: —

1) „אַרויס פון כאַאָס", וועמעס דיכטונג טראָגט דעם פונק און דעם דיכטונג, ווי, 1) „אַרויס פון כאַאָס" וועמעס דיכטונג טראָגט דעם פונק און דעם פייערסטיל פון אונזערע נביאים, פון תהלים און ישוע הגלילי; 2) זיינע „וויזיאָנען און איידעלשטיינער", וואָס זיינען רעפלעקסן פון זיין פריוואַטן־סוחרישן, רעאַליסטיש־אינדיווידואַליסטישן אינטים לעבן, דענקן און טראַכטן אַלס מענטש און דיכטער; און 3) פון זיין נאָר־וואָס דערשינענער בוך „אין חדר אַריין", וועט משה עובד אָן ספק פאַרנעמען זיין חשוב־פאַרדינטן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור און יידישן לעבן. און מיר דאַרפן זיין שטאָלץ, וואָס צווישן אונז האָט דער דיכטער געשאַפן זיך זיין נאָמען אין דער ליטעראַטור.

זיין נייער בוך „אין חדר אַריין" איז דער שענסטער בוקעט, וואָס באַקרוינט דעם דיכטער משה עובד צו זיין 60־סטן געבוירנטאָג.



קיטי בראַון

# אַ באַגריסונג משה עובדן צו זיין יובילעאום

איך וויל ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, מיטן אַרויסגעבן אַ ספּעציעל העפטל פון די „פריינט פון יידיש־לשון" לכבוד זייער פּרעזידענט, משה עובד, צו זיין זעכציק יעריקן געבורטס־טאָג, אים אויסדריקן אַ האַרציקע באַגריסונג און אַ וואונטש פון נאָך לאַנגע און געזונטע יאָרן־טעטיקייט אויף יעדן געביט!

איך וועל זיך איצט נישט פאַרנעמען אים אָפּצושאַצן באַריכות ווייל, איך פאַרשטיי, אַז דאָס וועלן שוין טון אַנדערע חברים, לויט ווי עס פירט זיך ביי אַזעלכע דערשיינונגען און דערפאַר וועל איך זיך האַלטן אַזוי קורץ ווינאָר מעגלעך, כדי טאַקע נישט צו פאַרנעמען צופיל פּלאַץ, וואָס איז זיכער באַשרענקט.

איך וויל בלויז זאָגן, אַז משה עובד איז אַ גוטער האַרציקער מענטש און אַן ערלעכער חבר מיט אַ ברייט יידיש האַרץ, מיט אַ פילנדיקער יידישער נשמה; און אָט די גאָט געבענטשטע מעלות צייגן זיך ביי אים אַרויס ביי יעדער געלעגנהייט.

אין זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען באַנוצט זיך משה עובד מיט אַזאַ זאַפטיקער יידישער שפּראַך, מיט אַזאַ האַרציקן, פּשוטן מאַמע־לשון, וואָס דערמאָנט אונז אין די שיינע קינדער־יאָרן פון דער אַלטער היים, וואו דער „בעהעלפער" פלעגט פירן די משה'לעך און חיימ'לעך אין חדר אַריין, מיט פרייד און מיט קרעכץ, מיט יובל און טרויער; אָט די דאָזיקע משה'לעך און חיימ'לעך האָבן איצט ווידער אויפגעלעבט ביי אונזער דיכטער אין די פיינע פּאָעמען זיינע.

משה עובד האָט ליב זיין פאָלק, זיין אמונה, אהבת-נפש און סאַי אין זיין שאַפן סאַי אין זיינע פּערזענלעכע שמועסן באַקלאָגט ער דעם גורל, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זיין פאָלק אין די בלוטיקע מלחמה־יאָרן.

אפילו ווען ער געפינט זיך אין געשעפט, בשעת ער פירט דאָס מסחר מיט אַנטיקן, זעט מען נישט אין אים דעם געוויינלעכן סוחר; ניין, ער פאַרקויפט נישט זיין סחורה לשם פּראָפיט. מען באַקומט דעם איינדרוק, אַז דאָס האָט ער אַ שליחות, אַ מיסיע, לגבי זיינע מיטמענטשן; אַז זיינע קונסט־אַנטיקן זענען נישט קיין צירונג פאַרן גוף נאָר פאַר דער נשמה־יתרה און לחלוטין נישט פאַר דעם פּראָסטן בשר־ודם.

משה עובד האָט ליב זיך צו שפּיגלען אין דער רייכקייט און שיינקייט פון די אַנטיקן און צו זעען אין זיי אַ משל פון די מעלות און גרויסקייט פון זיין שטאַם. — אין די איידעלשטיינער זיינע זעט ער די כאַראַקטעריסטיקס פון זיין אומה; פון די צוועלף שבטים פון ישראל.

סתם פאַרקויפן זאַכן האָט ער פיינט. ניין, ער מוז געפינען אַ מבין אויף דער סחורה, דעם אמתן קונה; און טאָמער געלינגט עס אים, פילט ער זיך

גליקלעך מחמת דאָס וואָס איז ביי אים אזוי נעשעצט, כמעט הייליק, וועט ווערן אָפּגעשאַצט אויפן געהעריקן אופן.

שרייבן וואָלט מען געקענט נאָך זער אַ סך און זיך נישט באַגרענעצן מיט אייניקע קורצע שטריכן, הקדמה מעסיק : גרויסע קאַפּיטלען וואָלטן געקענט פאָלגן, אָבער דאָ איז נישט דאָס אָרט פאַר אזאַ פאַרנעם. דערפאַר וועל איך מיך באַגנוגענען מיט אַ האַרציקער באַגריסונג און גוטע וואונשן, אַז דער יובילאַר, דער גוטער פריינט, און חבר אונזערער, זאָל זוכה זיין צו פייערן זיין פינף און זיבציק־יאָריקן יובילעאום און מיר זאָלן ווידער זיין צוזאַמען, כדי אים אויפסניי צוצוטיילן דעם כבוד, וועלכן ער האָט אָן ספק פאַרדינט אַלס פריינט, דיכטער און מענטש.

## באַגריסונגען

זייער השובער פריינד משה עובד !

נעמט צו פון אונז אונזער האַרציקסטע באַגריסונג צו אייער 60 יאָריקן יובל.

מיר זעען אין אייך דעם אויפריכטיקן קעמפער און באַשיצער פון לעבעדיקן אידישן וואָרט, וועלכער זשאַלעוועט נישט קיין צייט, אַרבעט אין מיטלען פאַר אונזער אַלגעמיינער יידישער זאַך. מיט אייער דיכטונג האָט איר פאַרהייליקט אונזער „מאַמע לשון". מיט גרוים יראת הכבוד האָבן מיר זיך אָפּט צוגעהערט צו אייער „אידיש". שעפּנדיק פון דעם קוואַל מוט און האָפענונג פאַר אַ בעסערער ליכטיקערער צוקונפט פאַר אונזער קולטור, קונסט און ליטעראַטור. זייט געשטאַרקט און געבענטשט אין אייער פּראָדוקטיווער אַרבעט.

### עטא טאַפעל — מאַרק מאַרקאוו

לאָנדאָן, 9-21-45

## צום חשובן משה עובד

ליבער פריינד !

איך לעז אין דער „צייט", אַז איר ווערט — 60. נו, דאָ אין ענגלאַנד איז דאָס כמעט די גרעניץ פון יוגנד. אָבער פון דעסטוועגן פאָרט אַ גרעניץ.

אַז אַ כמעט פרעמדער, וואָס זעט אָבער צייטענווייז בעסער, ווייל ער קוקט מיט אַ געוויסער פּערספּעקטיוו, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זעען, וואָס פאַר אַ ראָליע איר שפּילט דאָ אין דעם געראַנגל, וואָס יידישע קולטור מוז אויסקעמפן צווישן דעם איסט־ענד, וואו זי איז נ אָ ך נ י ש ט אונטערגעגאַנגען און דעם וועסט־ענד, וואו זי איז ש ו י ן אונטערגעגאַנגען.

און פאַר דער — אייער ראָליע, אַ האַרציגער, באַגייסטערטער, קאָנ־סטרוקטיווער רעטונגס־אַקציע ערלויב איך מיר אייך אַלס אַ זון פון פאָלק



צו דאַנקען, האַרציג צו דאַנקען און די האַנד צו גריסן.

מיר לעבן איבער די שרעקליכסטע תקופה אין אונזער לאַנגער, וואונדעבאַרער געשיכטע. מיר הייבן אָן צו פירן אונזער ענטשיידענעם קאַמף אויף טויט אָדער לעבן, ווייל די כחות, וואָס רינגלען אונז אַרום זייט 12 יאָרן, זענען אויסן אונז צו פערניכטן. דער איצטיקער וואוקס פון אַנטיסע־מיטיזם איז דער המשך פון דעם גרויסן פּלאַן אַ סוף צו מאַכן פון אונזער פאָלק. און ווי איז צו אונז, אויב מיר וועלן נישט אָרגאַניזירן אין זיך אַ דעפענזיווע מויער פון אונזער אייגענער קולטור, פון קענטניש פון אונזער פערגאַנגענהייט און זאָרג פאַר געגנוואַרט און צוקונפט. און איך זע, אַז איר ליבער פריינד, זייט טעטיק טאָג־אויס טאָג־איין דוקא אויף דעם דאָזיקן געביט — אויפצוהאַלטן דעם אינערן פערניכטונגס־פּראָצעס און צו פער־וואַנדלען אים אין אַ שעפּפערישער באַוועגונג.

זאָל די השגחה בענטשן אייער טרחה,

איך ווינש אייך גליק און געזונד,

אייער,

**י. שוואַרצבאַרט.**

## דיאַמאַנטן און פּערל

(צו משה עובדס 60־סטן געבורטסטאָג)

דער אינדישער פּאָעט טאַגאָר דערציילט די פאָלגענדע מעשהלע. ער פּאַנגט אָן בזה הלשון : איך האָב געזוכט אין פילע לענדער און האָב ערעל־שטיינער איבעראַל געקליבן. איך בין געשוואומען אין די טיפסטע ימים אין האָב פּערל דאָרט געקליבן. איך האָב פון דעם אַלעם אַ שנור געמאַכט און צו מיין געליבטער עס אַ היים געבראַכט.

זי האָט עס אָנגעקוקט מיט אַ קאַלטן שמייכל... די גאַנצע נאַכט בין איך געזעסן און דורך מיין אָפענעם פענצטער איינע נאָכן צווייטן זיי אויפן שאָסיי אַרויסגעוואָרפן.

רייזענדע פון פרעמדע לענדער זיינען פאַרביינגעפאָרן און האָבן זיי אויפ־געקליבן.

משה עובד האָט זיינע „פּערל" אין די טיפסטע ימים אָנגעקליבן, אָבער ווען ער ברייננט זיי צו זיין געליבטער — דעם יידישן לעזער זאָל ער חס וחלילה דעם קאַלטן שמייכל נישט באַגעגענען.

**רחל דון־יחיא.**

# משה עובדס יובילעאום פייערונג

## אין די גרענד-פּאַליי און ביי א גלעזל-טיי

אין די גרענד פּאַליי, וואו די „פריינד פון יידישן לשון" האַלטן יעדן שבת אָב זייערע ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס, איז פאַריקן שבת, דער 22־סטער סעפּטעמבער, 1945, אויך פאָרגעקומען די יובילעאום־פייערונג פון דיכטער משה עובד. דער פּרעזידענט פון דער דאָזיקער קולטור־געזעלשאַפט. דאָס איז ניט בלויז געווען די פייערונג פון 60־יאָריקן געבורטסטאָג פון דיכטער נאָר איז אויך געווען פאַרבונדן מיט דאָס ערשיינען פון זיין נייעם בוך פּאָעמען אונטערן נאָמען „אין חדר אַריין".

צו דער פייערונג זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ניט נאָר דער געקליבענער יידישער עולם, וואָס באַזוכט יעדן שבת די שוין טראַדיציאָנעל געוואָרענע ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס, נאָר אויך אַ גרעסערע צאָל שרייבער און בכלל אידישע אינטעליגענץ, וואָס זיינען געקומען אַרויסווייזן זייער אָנערקענונג צו דעם בעל־יובל סיי אַלס דיכטער, חבר און אויך אַלס מענטש. צו לעבן אַזוי פיל יאָרן אין לאָנדאָן און נאָך אַלץ אויפהאַלטן דעם יוגנטלעכן ברען פון שאַפן, נאָך אויף דעם היגן באָדן, איז אַ זאַך, וואָס רופט אַרויס אַ באַזונדערן אינטערעס.

דער פאָרזיצער א. נ. שטענצל, וועלכער האָט פּרעזידירט ביי דער יובל־פייערונג, האָט אין זיין ערעפענונגס־רעדע באַלד אין אָנהויב ערקלערט, אַז אים איז א וואונדער, וואָס נאָך אַזוי פיל יאָרן אין לאָנדאָן גייט נאָך אַ שרייבער אָן מיט זיין אַרבייט און האָט נאָך דעם כוח צו אַרבייטן אויף אַלע געביטן פון יידישער קולטור. זיין טרייבקראַפט, זיין אונגעהויערע ליבע וואָס משה עובד באַזיצט צו יידיש, יידישקייט און איר ליטעראַטור און קולטור. איצט האָט ער אַרויסגעלאָזן זיין נייעם בוך „אין חדר אַריין". מיר מוזן דורכאויס ווידער אָנהויבן צו לערנען כדי צו קענען לעבן. דאָס איז דער אינהאַלט פון זיין בוך. מיר באַגריסן אים! מיר באַגריסן דאָס יידישע לאָנדאָן!! אַז ס'זאָל טאַקע דאָ ווערן אַ פּלאַץ פון תורה וגדולה במקום אחד.

מאַרק מאַרקאָוו, דער שוישפּילער און דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער אין גראַנד פּאַליי דריקט אויס זיין פרייד צו באַגריסן משה עובדן, איבערהויפּט אין אַ פּלאַץ וואו יידישע קולטור קומט צום אויסדרוק דורך דעם יידישן שוישפּילוואָרט. דער בעל־יובל איז אַ געווינס פאַר יעדער קולטור־אונטערנעמונג אין לאָנדאָן. ער איז שטענדיק געווען און איז מיט אונז צוזאַמען. אפילו אין די שווערסטע מלחמה־טעג, ווען די סכנה איז כסדר געהאָנגען איבער אונזערע קעפּ, האָט ער אונז ניט פאַרלאָזן. די יידישע שוישפּילער האָבן זיך געפילט געדריקט און איינזאַם נאָר משה עובד האָט מיט זיין איינוועזנהייט, מיט זיין גרייטקייט תמיד עפּעס צו טאָן, זיי צוגעגעבן מוט אָנצוגיין מיט דער אַרבעט אויף דער בינע. ער איז ניט בלויז דער מענטש וואָס שאַפט אַליין, נאָר ער זעט אויך, אַז אַנדערע שרייבער און דיכטער אין לאָנדאָן זאָלן האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן זייערע ווערק. אין אַלעם האָט ער אַ חלק דורך זיין ברייטהאַרציקייט און אָפענע האַנט.



אשר פּרוכט, פון יידישן קולטור־קלוב, האָט ערקלערט:

די משה עובד פייערונג איז אַ יום־טוב פאַר די יידישע פּראָגרעסיווע אַרבעטער. ווי נאָר מיר, די יידישע פּליטים, זיינען אַהער געקומען קיין לאָנדאָן, האָט ער באַלד פון אָנהויב אונז געהאָלפן אין אונזערע קולטור באַמיאונגען. צו ערשט האָט ער דאָס געטאָן דורך זיינע פאָרטראָגן, וואָס ער האָט פאַר אונז געגעבן אין פינטשלי, און שפּעטער האָט ער אונז געהאָלפן שאַפן דעם יידישן קולטור־קלוב אין קייזענאָוו רויד, צפון־לאָנדאָן. זיין האַרציקע באַציאונג צו אונז האָט אונז ערמוטיגט און אינספּירירט אין אונזער אַרבעט. עס איז אמת, אַז ניט תמיד האָט ער מסכים געווען מיט אונזערע אידעען, אָבער דאָס האָט אים קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט אונז צו געבן זיין פולסטע אונטערשטיצונג פאַר דעם גערדריקטן יידישן וואָרט. ער איז אויך געווען פון די ערשטע וואָס האָבן אונז געהאָלפן שאַפן דעם הילפס־פאָנד פאַר דעם סאָוויעט־פאַרבאַנד.

זער אינטערעסאַנטע זכרונות האָט איבערגעגעבן י. ביטש, וועלכער האָט דערציילט וועגן זיינע ערשטע באַגעגענישן מיט דעם בעל־יובל. ער האָט אויך דערמאָנט, ווי משה עובד האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר שאַפן דעם קונסט־פאַראיין „בן־אורי". שוין מיט יענע יאָרן צוריק פלעגט משה עובד רעדן מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג איבער יידישע קונסט. ער האָט די בן־אורי אויך געגעבן דעם ערשטן דרשה־געשאַנק, אַ מנורה. וועגן דעם דיכטער קען מען זאָגן, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר ניט בלויז אַן אבן טוב נאָר אויך אַ שם טוב. זיין ליבשאַפט צום יידישן לעבן און יידישן שאַפן איז אונבאַגרעניצט. ער איז אַ זינגער אין ישראל, און די פריינד פון יידישן לשון באַטראַכטן פאַר אַ כבוד אים צו האָבן אַלס פּרעזידענט.

ס. פּאַלמע זאָגט, אַז אין משה עובדן איז דער דיכטער און דער מענטש איינס און דאָסזעלבע. דאָס וואָס ער זינגט דאָס איז ער און דאָס וואָס ער איז דאָס זינגט ער. מען ווערט אין אים קיינמאָל ניט ענטוישט. דאָס בוך און דער מענטש איז ביי משה עובד אַן איינהייט. פּאַלמע האָט אויך פאָרגעלייענט זיינס אַ ליד געווידמעט דעם בעל־יובל.

י. א. ליסקי ווייזט אָן, אַז משה עובד האָט אַ באַשטימטע מיסיע אין זיין שאַפן. דאָס פילט מען אויך אַרויס פון זיין ניי בוך „אין חדר אַריין", וואָס איז אַ וויכטיקער ביטראַג פאַר דער יידישער ליטעראַטור. ער לייענט פאָר ציטאַטן פון דעם בוך.

י. טיגער ערקלערט, אַז דער דיכטער משה עובד, דאַרף ניט קיין כבוד און קיין שבחים. די פייערונג איז אַראַנזשירט געוואָרן כדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון עולם, אַז דער דיכטער דאַרף באַקומען האָנאָראַר פאַר זיינע שאַפונגען. דעם ערשטן האָנאָראַר האָט ער שוין באַקומען אין דער צייט פון שאַפן, דאָס איז געווען די אינערלעכע גייסטיקע דערהויבונג פון שאַפונגס־פרייד. דער צווייטער האָנאָראַר, וואָס דער דיכטער מאָנט און צו וועלכער ער איז באַרעכטיקט איז, אַז זיינע ווערק זאָלן געלעזן און פאַרשטאַנען ווערן.

נאָך די וואַרעמע באַגריסונגען און רעדעס פון אליהו פּאָלושאָק

און א. גאָלדבערג, האָט חזן שמואל ראָטה געזונגען משה עובדס אַ ליד „די יידעלעך פון אלף־בית“. מיט זיין זינגען האָט ער אַרויסגערופן פיל עקסטאַזן צווישן די פאַרזאַמעלטע. מיט זיין ווייכן, שטילן און לירישן פאָלקס־מאָטיוו האָט ער ווי אַריינגעבלאָזן אַ נשמה אין די יידישע אותיות און זיי אַרויסגעבראַכט אויף אַזאַ אופן ווי דעם דיכטער אַליין האָט דאָס געמוזט זען און פילן בעת ער האָט די פּאָעמע „אלף־בית“ געשאַפן.

משה עובד האָט אויף אַ לייכטן הומאָריסטישן טאָן געענטפערט אויף די באַגריסונגען און דערביי געמאַכט אַ מאַטעמאַטישן חשבון וועגן דער באַדייטונג פון 60 יאָר אין חדשים, וואָכן, טעג, שטונדען און רגעס.

זרובבל, וועלכער איז געקומען שפּעטלאַך צו דער פייערונג, האָט געהאַט דאָס שלוס־וואָרט. ער האָט גערעדט וועגן דער איצטיקער יידישער לאָנדאָן, וואָס איז געוואָרן אַ טויטער באָדן פאַר דעם יידישן וואָרט. עס איז אים אַ וואונדער ווי יידישע שרייבער און דיכטער האָבן נאָך דעם מוט דאָ צו שאַפן זייערע ווערק. ער ווינשט דעם דיכטער נאָך לאַנגע יאָרן פון שעפערישער טעטיקייט.

משה עובד איז באַשאָנקן געוואָרן מיט בלומען און דער שוישפּילער יודל גאָלדבערג, האָט פאָרגעלעזן באַגריסונגען צום בעל־יובל פון דר. י. שוואַרצבאַרט, אסתר קרייטמאַן, א. מייזעלס. אין נאָמען פון פאָלקס־הויז פון די פּאָעטן הערשמאַן, שמואל ווייט און פון די שוישפּילער שלמה קאָן, יידל גאָלדבערג, בלעקער א.א.

פון גראַנד פּאַליי זיינען דאַן די פריינד און קאָלעגן פון משה עובד צוזאַמען מיט אים אַוועק פאַר אַ גלעזל טיי אין מרס. גינסבערגס רעסטאָראַנט, עלי סט., איסט, וואו עס איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציאָנעלער צוזאַמענקונפט פון פריינד פון יידישן לשון יעדן שבת נאָך די ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס.

דאָרט האָט שוין די שוישפּילערין דאָראַ דימענט געפירט דעם פאָרזיץ און באַגריסונגס־רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן פון די קאָלעגן און פריינד, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו ריידן אין די גראַנד פּאַליי צוליב מאַנגל אין צייט.

בן־א. סאָכאַטשעווסקי האָט גערעדט וועגן משה עובדס אינספּיראַציע פאַר זיין שאַפן, נאָר ער וועט זיינע געדאַנקן וועגן דעם דיכטער איבערגעבן אויף אַן אַנדערן פּלאַץ פון איצטיקן נומער העפטל.

עס האָבן נאָכגעפאָלגט אַנדערע באַגריסונגס־רעדעס פון א. מ. פוקס, מאָרריס קאַטץ, אהרן גאָלדבערג, י. וויינרייך, פּלאָצקי, שלמה אויערבאַך, מ. מינדעל, קייטי בראַון, גאָלדינגער, גאָרפינקל, פרוי סאָלאָמאָן, נ. רובין און ניסנבוים. אַ גרויסע צאָל פון די דערמאָנטע רעדנער האָבן פאַרטראָטן קולטור־אינסטיטוציעס.

מיר באַריכטן ניט פוקס רעדע און אויך פון איניקע אַנדערע דערפאַר וואָס זיי וועלן באַזונדער. דערשיינען אין דעם העפטל.

ביי דעם גלעזל טיי האָבן די פאַרזאַמעלטע זיך אויך משמח געווען



מיט אַ לחיים, מיט געזאַנג און דער בעל־יובל האָט געהאַלטן די שלוס־רעדע.

משה עובד האָט ערקלערט, אַז ער איז אַביסל ענטוישט צוליב דעם וואָס ער האָט דערוויל געהערט ווי דאָס רוב פון די רעדנער האָבן געהאַט בלויז שבחים וועגן אים צו זאָגן. בלויז איניקע זיינען געווען קריטיש איבער אים און דאָס פרייט אים. ניט קיין שבחים נאָר אויפריכטיקע קריטיק וויל דער שרייבער האָבן איבער זיינע שאַפונגען. דאָס איז דער כוח וואָס רעגט אים אָן פאַר ווייטערדיקער שאַפונג און זיך נאָך מער צו פאַרטיפן אין דעם וואָס ער וויל אַרויסברענגען. אין פאַרלויף פון דער יובל־פייערונג סיי אין דער גראַנד־פּאַליי און אויך ביי דעם גלעזל טיי האָבן מאַנכע פון די רעדנער באַרירט די טראַגעדיע פון אונזער פאָלק אין משך פון די לעצטע יאָרן און אויך היינטצוטאָג.

מיט דעם האָט זיך אָבער נאָך ניט געענדיקט די משה עובד יובל־פייערונג. דער יידישער קולטור־קלוב, שרייבער־פאַריין און וואָרשיינליך נאָך אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס אָרדנען איין באַזונדערע פייערונגען פאַר דעם בעל־יובל, וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק באַליבט געמאַכט אין אַלע יידיש שאַפנדע קרייזן פון היגן ישוב דורך זיינע ווערק און דורך זיינע שענע מעשים.

## גאָלדפאַדן און אנסקי אין נייעם יידישן טעאַטער

דאָס נייע יידישע טעאַטער אין אָדלער סטריט אונטער דער אָנפירונג פון א. מייזל האָט אויפגעפירט אַ גאָלדפאַדן־שטיק אין מייזלס אַ מין פּאָפּורי־גאָלדפאַדן־אינסצענירונג און פאַרנעמט זיך איצט מיטן „דיבוק“. עס איז אוממעגלעך ביי די קנאַפּע — נאָך דאַביי געטיילטע! — מעגלעכקייטן און ביי דעם טאַנדייט־מעסיקן, — די אומשטענדן ביי וועלכע יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן איז לײדער געצוואונגען צו שפּילן! — צו דערגרייכן קינסטלערישן ניוואָ.

דאָס קאָמעדיאַנטיש־ווירטואָזישע, דאָס עכטע גאָלדפאַדנישע און נאָך מער דאָס אנסקישע, פאַרטיפט מיסטישע, אַז ס'זאָל קינסטלעריש אַרויסקומען איז נויטיק מער ווי שאַרזש און אַקטיאָרישער טעמפּעראַמענט. עס איז נויטיק אינערלעכע פאַרטיפונגען און האַנדלענדע עקזאַקטקייט. מיר האָבן דאָ נישט די ווילנער טרופּע, נישט די מאָסקווער קונסט־בינע, צי אפילו די הבימה, אָדער מאָריס שוואַרץ טעאַטער — ביי גוט אָביעקטיווע מעגלעכקייטן צעוואַקסן זיך ערשט די סוביעקטיווע כוחות!

אָבער פאַר דעם גוטן ווילן שוין און פאַר די קאָלאָסאַלע באַמיאונגען און פאַר דעם ביסעלע וואָס ווערט סוף כל סוף דאָך דערגרייכט זיינען מיר פון גאַנצן האַרצן דאַנקבאַר די אָנפירונג פונם טעאַטער און די טאַלענטירטע שוישפּילער. אונזער „הויכע אינטעליגענץ“ וואָלט זיך געמעגט אַראָפּלאָזן און קומען צו אַזעלכע טעאַטער שטיקער. ביי אונזער מישטיינסגעזאָגט גאַנצן קולטור־ניוואָ דאָ איז דאָס באמת שוין באַלד דאָס ממעמקים'דיקע. און ס'קאָן מסתמא אַ סך מער נאָך דערגרייכט ווערן, ווען דאָס טעאַטער און די שוישפּילער וועלן אויך דערפילן אונזער גוטן ווילן.

## „אויפשטאנד פון ווארשעווער געטא“ פון רחל דון-יחיא אין גרענד?פאליי

פרוי רחל דון־יחיא, די אויטארין פון די פיעסן : „עם שחר“, „הפראית“, „נצחונות“ א.א.וו. און וועלכע איז אונז אלעמען באקאנט אלס לייטערין פון יידישן רידינג־רום, האט לעצטנס אנגעשריבן א נייע דראמע : „דער אויפשטאנד אין ווארשאווער געטא“. פארגאנגענעם זונטאג זענען זיך צוזאמענגעקומען א פאר מענטשן — שריפטשטעלער און שוישפילער — פאר וועלכע פרוי דון-יחיא האט פארגעלייענט די דראמע און אלעמען געבעטן, ערלעך ארויסצוזאגן אונזער אורטייל.

פילנדיק, אז צו א דראמע וואס האט צום אינהאלט דאס בלוטיקסטע, דאס אומבאנעמבארסטע פון אונזער לעבן, קאן מען זיך ניט צורירן מיט קיין האלבקייטן אדער ריקזיכט, האט יעדער מיט גרויס צוריקגעהאלטנקייט און אחריות ארויסגעזאגט זיין מיינונג. מארק מארקאוו, דער דירעקטאר פון גרענד פאליי, האט די דראמע שוין געהאט פריער געלייענט און איז באלד געווען פון איר באגייסטערט און באשלאסן זי אויפצופירן. נאר ווייל עס האנדלט זיך דא אין אזא פאראנטווארטלעכן ענין, האט ער צוזאמען מיט דער אויטארין עס געפונען פאר נויטיק צו הערן דעם אורטייל פון עטלעכע מענטשן מיט פארשטענדעניש און אחריות איבער דעם מאראלישן און ליטערארישן ווערט פון דער דראמע. דער אורטייל איז געווען, אז עס איז דורכאויס נויטווענדיק, אז זי זאל ווערן איצט אויפגעפירט. שבת דעם 13 אקטאבער וועט די דראמע צום ערשטן מאל געשפילט ווערן אין גרענד פאליי. עס איז צו האפן, אז דאס הארץ פון יידישן ווייטשעפל וועט אויף א רגע מיט א קלאפ טאן, און עס וועט זיך דארט אנצינדן א פונק, חאטש אויף א רגע דעם חושך צו באלייכטן.

## אן ענטשולדיקונג

דער וויכטיקער ארטיקל פון דוב ווארשאווסקי, איבער דעם פראצעס פון בעלזען, און דער בריוו פון אלעגאריער וועגן טעאטער אין ווייטשעפל, און ל. אלמאנס ענטפער פוקסן בנוגע זיין יידיש־פאלעמיק, און פוקסנס דערקלערונג אויך שטענצלס ארטיקל איבער עובדס בוך „אין חדר אריין“ אין קומנדיקן העפט

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין גרענד־פאליי, קאמערשעל־רויד, א.1.—3 אזייגער)

שבת, דעם 6־טן אקטאבער, געווידמעט דעם אנדענק פון מאריס מייער ע״ה.

שבת, 13־טן, ש. אויערבאך—א פארטראג איבערן ספר איוב.

שבת, דעם 20־סטן, אליהו פאלושאק — איבער די יידישע פאליטישע סיטואציע.

שבת, דעם 27־טן, רעציטאציעס פון משה עובדס „אין חדר אריין“.

**א. נ. שטענצל**

---

פערלאג און דרוקעריי י. נאראדיצקי און זין, לאנדאן, א.1.
פרייז -/1.



# דאס 70'טע יידיש-העפטל

---

## פארוואס יידישע קולטור און פארוואס דוקא אין יידיש

א קאלעקטיוו, פונקט ווי א יחיד, מוז וויניקסטנס האבן כאטש איין פונקט אינעם לעבן וואו ער קאן זיין גאנץ פריי, האבן אן אייגענעם רצון, בכדי צו קאנען עקזיסטירן. אויב דער ווילן איז גאנץ אפהענגיק ווערט מען אפהענדיק, ווערט מען געבונדן פון ליידנשאפטן און צופעליקייטן, לעבט מען אן אחריות און אן געוויסן.

דער מארטירער ווערט פונקט אזא פאטאלאגיש אביעקט ווי דער רוצח, וועלכער הרגט אים, אויב ער איז נישט באוואוסט און פריי אין זיין לעצטן רצון. מ'מוז זיך קענען אויסלעבן מיט די לעצטע מסירת־נפש-מינוטן, בכדי צו ווערן א קדוש מיטן אייגענעם טויט. מיר זיינען געווארן אומשטערבלעך מיט די עשרה הרוגי מלכות, ווייל זייער טויט איז געווען זייער טיפער באוואוסטזיין, זייער אינערלעכער קיום. נישט מיטל נישט אביעקט פאר אנדערע זיינען זיי געווארן מיט זייער טויט; זייער גאנץ לעבן האבן זיי אים געהייליקט אין זיך, סוביעקטיוויזירט אים אין זיך צו דער העכסטער מדרגה.

און אויב מיר האבן אויסגעהאלטן דעם פינסטערן מיטלאלטער איז עס דאך געווען דער אייגענער מיטלפונקט, וועלכער האט געליעט אין אונז שטארקער ווי די פלאקערנדיקע פאקלען פון די ציענדיקע קרייץ-צוגן, ווי די אנגעצונדענע שייטערהויפנס.

אין מיטן דער פינסטערער וועלט זיינען מיר געשטאנען מיטן אייגענעם פעסטן ווילן, מיטן אייגענעם ברענענדיקן רצון און אויסגעשריגן אין דעם ברוטאלן דריי אייניקייט פון כאאס און חשכות און חוצפה! „אדוני הוא אלהים“! און פונקט ווי מ'וואלט זיך עקשנותדיק געררייצט און מיט יידישלעכן דוקא האבן מיר תאוהדיק און מיט הנאה של מצוה זיבן מאל געצויגן :

„אדוני הוא אלהים“!
„אדוני הוא אלהים“!

און וואו נאך איז דען פאראן און איז דען מעגלעך גרעסערע פרייהייט ווי אין מסירת־נפש, ווי אין מארטירערטום ?! פריי איז דעמלט דער מענטש, איבער זיין אייגענעם לעבן דער אבסאלוטער הערשער — — אין קייטן א געבונדענער, פון ברענענדיקע פלאמען אן ארומגעכאפטער, אבער צעקלונגען ווערט גאנצע וועלט מיט זיין איינן געשמידטן ווילן, אויפגעלויכטן פון זיין געהייליקטן און טליענדיקן רצון.